NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13212

GROBERS

Hirsch Orland

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Ea 18494

ה. אָרלאַנד

גראַבערס

קאָאָפּ. פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע" קיעוו

די ביבליאָגראַפישע פאַרצײכע-
נונג פונ דעם בוך און די שיפערנ
פאַר ביבליאָטעק-קאַטאַלאָגנ זײַנענ
אָפּגעדרוקט אינ „צײַטשריפט פונ
דרוק" און אינ דעם „קאַרטנ-רע-
פּערטואַר" פונ דער אוקראַײַנישער
ביכער-פּאַלאַטע

אוקר. פאָליגר. פאַראײניקונג
קיִעוו. 2-טע דרוקערײַ, וואָראָווסקי גאַס 42.
בעשט. № 973. נעדר. 5.000. 21/4 דר.-ב.
שטאַטליט 2405.

ווייץ, גאָלדענע סאָרט־ווייץ, ווערט זיך כוואַליען

אפ לוטשינקער בלאָטעס האָבן זיך ערשט צעפּיקעט די קראָן־קריגעלעך. ווײַסע, ציטעריקע קײַלעכלעך האָבן ארויסגעקוקט פונעם געעפנטן גרינעם גע־בלעטער, ווי לײַבענע פּאָלעסישע קינדער וואָלטן אהינצו ארײַנגעלייגט זשמעניעס רייבעם שניי. אין ווינטיקן טאָג האָבן קרומעוויאַזע ווערבעס אָפּגעשיט פון זיך סאמעטענע „בערעלעך" און געלאָזט זיי מיטן פליסיקן טײַכל צום אלטן מילכנדל.

טליאָך... טליאָך...

טאָג ווי נאכט האָט אזוי דאָס וואסער גערעדט, איז געגאנגען אזוי דאָס וואסער פון אָזעראַן קיין לוטשינקי — צו דער הרעבליע, צו די גרינ־פאר־שימלטע דעמבענע לעזשענעס און געטריבן די גע־ליימטע הילצערנע מיל־ראָד.

דער גאנצער כוטער האָט זיך אויסגעדרייט מיט די קלוניעס צו די בלאָטעס, זיך געטריקנט פונעם פרילינגדיקן געוויכער און געשמעקט מיט שפּיגינאר און מיט ווערעמדיקע שוואָמען.

אפן גראָזיקן פּלאַץ האָבּן פּאָלישוקעס געגוואַל־דעוועט און געקריגט זיך מיט גאָרנען, מיטן אינזשע־נער, פאַרן טײַכל, פאַר דער וואַסער.

— אַז ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן?

פאַראַיאָרן האָט אַ פּאַרטיע אינזשענערן אין היכע גומענע שטיוול געצאָלט אין לוטשינקי זיל־בּערנע גריווינקעס פאַר אײַנגעשטאַנענע טעפּלעך מילך און געמאָסטן מיט שטאָלענע סטענגעס די אַרומיקע בּלאָטעס. זיי האָבּן אויסגעשטעלט אַפּ די לאָנקעס, אַזש בּיז ראַדאָוויל, אַזש בּיזן אָלעווסקער טראַקט, היכע סאָסנע־שטאַנגען מיט רויטע פּענדע־לעך אַפּ די שפּיצן און צוגעזאָגט קומען הײַנטיקס יאָר טריקענען די גוואַדזן...

איז טראָגט אָן דער רועך אַ אינזשענער אַ שלאַק, דרײַ טעג נאָכאַנאַנד געבּלאָנקעט, מיט אַ היכן שוואַרצן ביט־גוטן, אַ קאַצאַפּ, געטאָפּטשעט די בּלאָטעס, און הײַנט גיט ער צו וויסן דעם כוטער:

— מאָרגן טרײַבּט ניט די טשערעדע אַפּ ראַדאָ־ווילער זײַט. מאָרגן — זאָגט ער — וועלן מיר צענעמען די הרעבּליע, די דעמבּענע לעזשענעס, און אָפּצײַען דאָס וואַסער פונעם אייבּערשטן טײַכל. מאָרגן — זאָגט ער — הייבּן מיר אָן גראָבּן די קאַנאַלן... איך וועל נאָכ־דעם — זאָגט ער — איבּערוואַרפן אַ בּריקל איבּער די קאַנאַלן...

— נו, און די מיל? פירן צו די שינדערס אין די ווינטמילן?

— און די טשערעדעס זאָלן דערוויַיל קרענקען אין די קלוניעס? פון ד ע ר זײַט זײַנען קיין לאָנקעס ניטאָ.
— און קיין אָלעווסק, אז מ׳וועט דארפן?
— פרײַטיק שטעלט זיך דאָרטן יאריד...
אן אלטער פּאָלישוק, אין א גרינער סוויטקע, אין א שמויסן הישל און מיט קאליע אויגן, האָט גאָרנע געשלעפּט פאר אן ארבל — נאָר ער זאָל גיין מיט אים אין קלוניע און א קוק טון מיט די אייגענע אויגן, ווי די טעליצע זײַנע האָט זיך אויסגעמאָגערט פארן ווינטער...
ניאַכע, א פארמעליקטער ייִד, וואָס ס׳האָט זיך געהערט פון אים דאָרף פאר א מײַל, מיט א שיטער בערדל און אן אויסגעפאשעט בײַכל, דער רענדאר פונעם מילכנדל, איז ניט אָפּגעטראָטן פון זלאָטאָוון — דעם עלטסטן פון די טשערנאָבילער גראבערס. מיט וועמען גאָרן האָט די לעצטע טעג די בלאָטעס גע־טאָפּטשעט:
— דער וואלד וועט אָנהייבן דארן... איך זע, איר זײַנט א מענטש א פארשטאנדיקער...
ס׳זײַנען דורכגעגאנגען די קאָראָסטענער יונגען, יעדערער מיט א פּאָר פּריש־אויסגעפלאָכטענע לאפּ־טיעס אין די הענט. ניאכע האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט א זיס שמייכעלע:
— הא, איר האָט זיך אוואדע ניט געריכט, אז ס׳דאָ הי זיצט א ייִד אין דאָרף? — ער האָט א ברייטן זיפץ געטון, — אָט אזוי איז מען אלע יאָרן פאר־פרעמדט און צווישן ארײַלים...

די יונגענע האָבן אים באַקוקט פֿונויבן אַראָפּ:
— דרייסט אַ לירע, פּעטער...
ניאַכע איז נאָכגעגאַנגען די יונגענע און געפֿרעגט טאַמעוואַטע:
— יאָ, פּאַר אַ ציקאַוועסט,—וואָס זאָגט איַער פֿאָרעץ מיקויעכ מיַין מי־על?...
— ער זאָגט, שוין איינמאָל געזאָגט! קומט היַינט אינאָוונט צו דער הרעבליע, וועט איר הערן ווערטער, רעב ניאַכע.
די יונגענע האָבן זיך געלאָזט אין די שמאָלע סוטקעס, רופֿן דעם כוטער אָפּ אַן אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג.

בא דער הרעבליע אונטערן פֿריַיען הימל איז פֿאָרגעקומען די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג.
אָפּ אַ סאָסנע־קלאָץ צווישן אָפּגערוטן און געמיטלעכ־שמועסנדיקן אוילעם אַרבעטער זיַינען געזעסן גאָרן אין זלאָטאָוו. זלאָטאָוו האָט זיך געהאַלטן, ווי אַ מעכוטן, וואָס גיט אויס אַ געראָטן קינד. ער האָט פֿאַריסן דעם קאָפּ צום הימל און געמונטערט גאָרנען:
— שוין ציַיט. שוין ציַיט.
צוויי פֿאַקעלן האָבן געטשאַדעט פֿון ביידע זיַיטן קלאָץ.
דער גאַנצער כוטער פּאָלישוקעס איז געזעסן אַפֿן גראָז אַרום די אַרבעטער. געריכערט און געשוויגן.

די נאכט איז געווען א ליכטיקע, א ווײַסע. אינעם זשומען פונעם נאָענטנ טײַכל האָט זיך געהערט ווי דאָס וואסער צאנקט, ווי ס'גייענ דעם שוינ אויס די קויכעס.

וועגנ טײַכל האָט גאָרנ אָנגעהויבנ זײַנ רעדע. גאָרנ האָט זיך געשטעלט אפ דער קלאָץ אונ מיטנ אויג ארומגעכאפּט די זיצנדיקע מענגע מענטשנ פונעם וואלד, וואָס האָט זיך געטונקלט בא פארנעפּלטע האָריזאָנטנ, פונעם כוטער, וואָס האָט געפינטלט מיט פריילעכע פײַערלעכ אפנ בארג, פונעם אוילעמ, וואָס האָט מיט אָפענע מײַלער געווארט אפ זײַנ וואָרט, האָט געאָטעמט אפ אימ ווילדע גוורע, מיט וועלכער מע קאָנ בערג איבערקערנ.

— כאווײרימ, בירגער פונ גרויסנ ראטנלאנד, — גאָרנ האָט גערעדט שטיל, ווייכ, הארציק, — איר אלע זײַנט געווענ אײדעס פונ דער לעצטער קריג איבער דער הרעבליע, איבערנ מילכנדל. א פּאָרעצ, א רענדאר, א שינדער האָט געשטעלט דאָס מילכנדל אפ רײַסנ א פּאס פונ די פּאָלישוקעס אונ דערווײַל פארצוימט דאָס וואסער, אונ דערווײַל פארבלאָטיקט א געגנט... וועמענ האָט עס געארט, אז א פּאָלק האָלצהעקער, אז געזינדנ קוילנברענער וועלנ קרענקענ אינ אומגליק, וועלנ ווייקנ אינ וואסער ?...

גאָרנ האָט זיך געצונדנ פונ זײַנע אייגענע ווערטער. ארומ איז געווענ שטיל. מע האָט געהערט, ווי ס'גליט דער טיטונ בא די פּאָלישוקעס אינ די ציבעקעס. מיט פּראָסטע איבערצײַגנדיקע ווערטער, מיט

פּאַשעטע ציפּערן האָט גאָרנ געשילדערט די גרויסע נוצנ פונעמ קאנאל, וואָס מע נעמט זיכ איצט דורכ־שנײַדנ איבער גאנצ פּאַלעסיע.

— פונ אײַנ זומער ארבעט וועלנ פינפ טויזנט דעסיאטינ לאַנקע צוקומענ. פונ דער לאַנקע וועט שפּעטער פעלד ווערנ. ווייצ, גאָלדענע סאָרט־ווייצ, וועט זיכ כוואליענ דאָרטנ, ווו איצטער שטעקנ קראָנ־קריגעלעכ זייערע קעפּלעכ פונעמ וואסער ארויס, ווו ווילדע גענדז דרייענ זיכ אינדערלופטנ אונ קוקנ אויס פרעש...

אנ אלטער פּאַלישוק האָט זיכ אופגעהויבנ, אראָפּ־גענומענ זײַנ שמויסנ היטל אונ עס א וואָרפ געטונ אינ דער ערד. ער האָט איבערגעשלאָגנ גאָרנע.

—פארוואָס־זשע האָט מענ צעמאזיקט ניאָכענ, מיר האָבנ מיט אימ שטענדיק געלעבט אינ פרידנ?

האָט זיכ אופגעהויבנ א טומל, גוואלדנ.

— אהא! ניאכע האָט דיר געגעבנ אביסל בראָנפנ.

— דיר האָט ער געגעבנ!

— אז ער נעמט 10 פונט פונעמ פּוד מאָלעכצ...

— ריכטיק! מיר דארפנ ניט די בלוטזויגערס!

— דער וואלד איז אונדזערער!

— צענעמענ! זאָל מענ צענעמענ!

ס׳האָט זיכ געדוכט — א פריש וואסער האָט זיכ צעפּלייצט, אזוי האָבנ די פּאַלישוקעס גערוישט.

— מע זאָל צענעמענ די הרעבליע!

— לאָז מענ גראָבנ די קאנאלנ!

אזוי ווערט טאָג

אזוי ווערט טאָג אין כוטער: א הינקענדיקער וואָלף, וואָס האָט געהיט א גאנצע נאכט א רוקן פון א קלוניע, וואָס האָט א גאנצע נאכט געגראבלט מיט די געזונטע צוויי פעדערשטע פיס דאָס פעסטע צווייגן־געפלעכט פון א כוטערשן פלויט, ווערט פלו־צים אומרויִק... דער וואָלף דרייט אויס דעם קאָפ צום וואלד. ס׳איז נאָך פינצטער. קאַלטע שײַן פון שארפן וואָלפן־אויג קאָן נאָך ניט כאפן דעם שניט— ווו איז בוים און ווו איז נאכט. א שטערן האָט גע־פינקלט—פינקלט נאָך דער שטערן, א ווינטל האָט געבלאָזן — בלאָזט נאָך דאָס ווינטל. סע שלאָפט נאָך די שאָף אפ ווארעמער שטרוי אין דער קלוניע... נאָר א האָן האָט שוין געגעבן א קריי אפ א בוידעם... דער וואָלף בייגט אונטער זײַן צעבראָכענע פוס און לאָזט זיך צו דער הרעבליע, און מיט דער הרעב־ליע—אין וואלד. שוין נאָך דער נאכט...

פארטאָג איז שוין געגאנגען די ארבעט.

— איינס! צוויי!

אנדריי, א לוסטיקער יונג מיט א לוסטיקן טיפן שניט אפ א באק, האָט געקאָמאנדעוועט מיט די טשער־נאָבילער ארבעטער בא דער הרעבליע. אין צוויי שע־רענגעס זײַנען זיי געשטאנען, געהאלטן אין די פאר־הארטעוועטע הענט בערעזעווע פארשניצטע דרענג־לעך און אוטערגעהויבן מיט זיי דעם אייבערשטן לעזשען.

— איינס!

— צוויי!

באַ „איינס" — האָבן אַלע אַרײַנגעשטעקט די דרענגלעך אין דער נאָט צווישן ערשטן און צווייטן באַלקן. באַ „צוויי" — זיך אַרופגעלייגט מיט די בײַכער אַף די דרענגלעך און געשפּאַרט מיט אַלע קרעפטן אַראָפּצו, אין וואַסער. אַנדריי האָט צוגע־וואַרט אַ ווײַלע, זיך אָנגענומען מיט אָטעם און מיט־אַמאָל אויסגעשאָסן, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן איבערשרעקן די אַרבעטער:

— מיידלעך גייען!...

די פּענימער באַ די אַרבעטער זײַנען באַם לעצטן אַנדרייס אויסגעשריי געוואָרן צונטער־רויט פאַר אָנ־שטרענגונג — דער לעזשענ האָט זיך גערירט און אַ שפּריץ געטון אין אַלע זײַטן מיט שטיקלעך אופגע־ריסענער ערד און אָנגעבראָכענע צווײַגן...

— איינס! צוויי!

און איבערן גאַנצן טײַכל האָבן געאַרבעט אין זיבעטן שווייס די קאַראָסטענער אַרבעטער. געקאָ־מאַנדעוועט מיט זיי האָט אָוורוצקי און זאַוועררוכע. די קאַראָסטענער האָבן געגראָבן ריוושיקעס און געטריבן דאָס וואַסער צום טײַכל־שטראָם. אַלע האָבן געשוויגן, ערנסט פאַרטון אין דער אַרבעט. קורצע לאָפּעטעס, געטוקטע אין וואַסער, האָבן פריילעך געבלאַנקט אַפ דער זון.

— איינס! צוויי!

— מיידלעך גייען!

קורץ, שארף און מונטער האָט דער ארבעטער־רוף זיך געטראָגן פון דער הרעבליע צום וואסער, צו די בלאָטעס. זלאָטאָוו איז געשטאַנען לעבן גאָר־נען און ניט אופגעהערט צו טרומייטערן, אז ס׳איז אַן אויסברענגערײַ אין מענטשן,—מע האָט ניט גע־טאָרט שטעלן די גאַנצע פּאַרטיע ארבעטער אפן ערשטן פּיקעט. א קלייניקײַט, וואָס מע האָט די פּאָ־לישוקעס צוגעזאָגט, — מע דאַרף העלפּט מענטשן אראָפּנעמען און זיי אוועקשיקן אפן פינפטן פּיקעט, קאָרטשעוועס וויַטער די ביימער אפ דער ליניע פו־נעם קאנאל.

גאָרנס אויג האָט פארבלענדט דער ווימל פון די ארבעטער.

„מיר ברענגען פריש פעלד און גערעטעניש אין אַן אָפּגעשטאַנענעם סאָוועטישן קאַנט״.

— זלאָטאָוו, דײַן מיינונג,—אפ אָוורוצקין קען מען פארגלויבן א פּארטיע ארבעטער און שיקן אים מיט זיי אפן פינפטן פּיקעט?

געפרייט האָט גאָרנען זלאָטאָוס גינסטיקער ענט־פער וועגן אָוורוצקין און וועגן אַלע קאָראָסטענער געמומען:

— אָוורוצקי איז דער צווייטער אנדריי,—ער האָט א געפיל אין ארבעט. און מיט די קאָראָסטענער איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען,—זיי עסן די ארבעט; זיי זאָלן זיך נאָר ניט איבערעסן...

ערשט דער פּערטער לעזשען איז געלעגן נידע־ריקער פונעם וואסער־פלאך. אז די טשערנאָבילער

האָבן אים אופגעריסן, האָט דאָס וואסער א שפּאר געטון מיט קראפט, מיט אָנצאָליקע זילבערנע שפּריצן אף דער אלטער מיל-ראָד און זי אראָפּגעשווענקט, ווי א שפּענדל.

די גאנצע מיל האָט זיך געהוידעט פונעם רעווענדיקן וואסער-פּלייץ, די מיל און ניאכעס בויך אונטערן צעשפּיליעטן בורנעס... ער איז געשטאנען, ניאכע, מיטן הוידנדיקן בויך און געדראָט גאָרנען מיט א פעטן כיילעוונעם פינגער:

— אין קאָראָסטען איז דאָ א געריכט, און ער האָט פאר ארענדע באצאָלט, און ווי פארגינט זיך עס א ייִד אומגליקלעך מאכן א ייִדן?

גאָרן האָט ייִנגלש-פארשייִט געלאכט, געלאכט, וואָס דאָס וואסער פלייצט אזוי אָן אן אָפּשטעל, ווי מע וואָלט עס געטריבן מיט דרוקעס, און פון ניאכען געלאכט.

— א ייִד זייַנט איר? אָט שטייען ייִדן און טרייַבן וואסער אף אייַער מיל... ווי קומט עס, פּאניע ארענדאר?

דער גאנצער טייַך קאָראָסטענער האָט אף א מינוטקעלע אריַינגעשטעקט די לאָפּעטעס אין דער בלאָטע און געהערט מיט ברייט-שמייכלענדיקע מייַלער, ווי „זייער" אינזשענער לייגט ארייַן א כיילעק ניאכען.

— רעב ניאכע, איר קענט מיט אונדז דאָ האָבן ארבעט אף א גאנצן זומער... רעב ניאכע, גענוג שוין געווען גאבע בא די פּאָלישוקעס.

א פּאָר עלטערע ייִדן האָבן אײַנגעשטילט די לאכנדיקע:

— אַ מענטשן רינט בלוט, און איר לאכט, גאז-לאָנים...

— איינס! צוויי!

די טשערנאָבילער רײַסן דעם פינפטן לעזשעג.

און פּלוצים האָט לוטשינקער קליינווארג, וואָס האָט פון גאנצפרי אָן געפּלאָנטערט זיך אין וואסער די ארבעטער צווישן די פיס, זיך צעקוויטשעט, צע-כריוקעט, ווי כאזיירימלעך:

— פּיש!..

— העכט שווימען!

— פּ־י־ש!..

פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן דער אלטער פּאָלישוק אינעם גרינעם סוויטקעלע, אינעם שמוציקן היטל און מיט די קאליע אויגן. הינטער אים איז האלב לו-טשינקי געשטאנען מיט קינד און קייט, און אלע האָבן געהאָלדערט צו גאָרנען:

— גאָרניו!

— גאָרניו, טו א טויווע און הייס, מ׳זאָל מער ניט רײַסן קיין לעזשענעס.

— גאָרניו, לאָז אונדז פארהאטען מיט געצן די לאָכ... וואָס רעדט איר,—אזויפיל פּיש...

— גאָרניו, לאָז אונדז פּיש כאפּן.

און דאָס קליינווארג האָט פארשריִען, פארקווי-טשעט אלעמען:

— העכט שווימען!

אפ דער זונ־באגאָלדעטער וואסער־פלאכ האָבנ געגלאנצט אונ שעמערירט זילבערנע בײַכער פונ פיש.

— אײנס! צוויי!

די ארבעטער האָבנ געשארט די בלאָטע אינ די זײַטנ אונ מיט די לאָפּעטעס גענומענ קארבנ די ליניע פונעמ קאנאל.

אינגאָוונט זײַנענ אָנגעקומענ די פורנ מיט פּראָדוקטנ. יאָסי הויקער איז פארפאָרנ מיט זײַנ פורל גלײַכ צו דער ארבעט, — געבראכט פונ קאָראָסטענ ברעזענטנ פאר די קאנאלנ, א נײַע רער צומ ניוועליר אונ א גראָבנ פאקעט פונעמ הויפּט־אינזשענער פאר גאָרנענ.

— כאווער אינזשענער, — דער הויקער האָט גערעדט היימיש, ווי אנ אלטער באקאנטער, — אינ קאָראָסטענ רעדט מענ פונ אײַכ.

ער האָט צעפּיפּקעט דעמ ציבעק, א טואָט געטונ אפ איינ שפאנ נעענטער צו גאָרנענ אונ א זאָג געגעבנ, ניט איבעריק זיכער:

— אונ ווענ איר ווילט, נעמט איר מיכ אויכ צו אפ דער ארבעט, טאקע מיט מײַנ בולאנעמ. איר קאָרטשעוועט בײמער, דערציילט מענ, אינ לוטשינקי — וואָלט איכ, אונ דער בולאנער טאקע, זיי אָפּגעשלעפּט פונעמ קאנאל. א ייִד בינ איכ א קאפּצנ, איר ווייסט, דאכט זיכ, גוט... איכ וואָלט נאָכ מײַנ זונ גענומענ צו זיכ, דעמ לערער, וואָס קנעלט מיט ניאכעס קינדער, — גאָדלענ מײַנעמ.

ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט, און ווידער גענו־
מען ריידן היימיש:

— הערט א מײַסע, באַם קאָמסאָמאָלסקן קלוב
בין איך איינעכטן דורכגעפאָרן (איר זײַנט זיך געווען
אין קאָראָסטען אפּ קלאדבישטשענסקע?), איז דער
גאנצער קלוב ארויסגעלאָפן, הוילע שנעקעס, און
זיך אָנגעהויבן דערפרעגן פון אײַך און פון די קאָ־
נסטרונקטער — זיי ווילן שיקן א נסטרונקטער,
הייסט עס. זיי האָבן מיר אָנגעדולט א קאָפּ מיט א

גאָרן האָט אים געהערט מיט איין אויער. ער האָט
געלייענט די פּאפּיראָס־פּאפּירלעך פונעם גראָבן פּא־
קעט: פּאָרמען פון ראפּאָרטן וועגן אָפּגעטאָנענער
ארבעט, פּאָרמען לאנגע און שמאָלע, פּאָרמען ברייטע
און קורצע. ער האָט זיך ערשט געכאפּט, ווען דער
הויקער האָט ארויסגעפּאָנפּעט דאָס שווערע וואָרט —
„נסטרונקטער”:

— וואָס פאר א אינסטרוקטער?

— דער קאָמסאָמאָל, הייסט עס, וויל אײַך ארײַנ־
שיקן א סטרוקטער, — די ארבעטער, זאָגן זיי, זײַנען
שײַעך צו רעדן — זיי ווילן דאָ אפּאָנעמ מאכן א
קלוב...

...דאָס וואסער באַ דער הרעבליע האָט געהאלטן
אין איין רוישן. דער רויש האָט זיך צעטראָגן איבער
די הויפן און זיך געמישט מיטן הילכיקן גערייד
פון די ארבעטער; אין די הויפן אפּן שליאך, צווישן

די צעוואָרפענע קלעצער אפ דער גאס האָבן די אד־בעטער געקאָכט פיש און קאשעס באשמאָלצן מיט פריש־געבראכטן כאזער.

פונעם באָענטן טאָל האָט זיך א הארמאָשקע אָנ־גערופן און געגארט יונגן אוילעמ אפ א באנאכטי־קער סימכע.

מיט דריבנע טריטעלעך איז ווידער געקומען דער הויקער. ער האָט געפּיפּקעט פארקלערט זיין פארלאָ־שענעמ ציבעק און סוידעסדיק אוועקגערופן גאָרנען אין א זייט:

— איך באדארף אייך עפּעס זאָגן.

גערעדט האָט דער הויקער פּאמעלעך, ווי ער טוט א טויווע. ער האָט איבערגעלייגט יעדעס וואָרט, גע־געבן מיט דעמ אָנצוהערן, אז ער ווייסט נאָך, נאָר ניט אלעס קען מען דערציילן.

— כאווער אינזשענער, היט זיך פאר ניאכען!

ער האָט זיך געכאפּט, אז דער ציבעק איז פאר־לאָשן, גענומען אופקלאפּן פייער מיט דער קרעסילע.

— פון זיך איז ניט שיין צו ריידן, — איך בין א האָרעפּאשנער מענטש. אלע אייערע קאָראָסטענער ארבעטער זיינען פון די הינטערגעסלעך, און איך בין אויך פונדאָרטן—האָרעפּאשנע לייט זיינען מיר.

— איז וואָס, רעב יויסעף?

— כאווער אינזשענער, א נאש־בראט איז א ווייסער טעלער — איר זעט וואָס סיטוט זיך אפן דנאָ. און ניאכע איז א נאָגיד, א שלאנג. ניאכע, כאווער אינזשענער, וועט אייך ניט שענקען די מיל.

— וואָס, ער האָט געדראָט, ניאכע?
— איך זאָג אײַך, אז ער איז א שלאנג, איז ווייס איך וואָס איך זאָג. איך בין א האָרעפּאשנער מענטש און פארדין קאָשער מײַן שטיקל ברויט, און ניאכע איז א נאָגיד — אלע פּאָלישוקעס, פון אָלעוווסק ביז מאָזיר, זײַנען אים שולדיק געלט, ניאכען. זאָגט ניאכע, אז ער וועט זיך מיט אײַך אָפּרעכענען. אַף ניאכענען קאָן מען זיך ריכטן — שײַעך צו ריידן.
גאָרן האָט א טראכט געטון, א קנייטש געגעבן מיט דער נאָז און געשיקט דעם הויקער שלאָפן.
— אז איך לאָב פון זײַן טאטן. און איר גייט ארויס מאָרגן אַף דער ארבעט.

אין וואלד

שאבעסדיקן טאָג איז דאָס וואסער בא לוטשינקער הרעבליע שוין שטילער געגאנגען. פון די ארומיקע בלאָטעס זײַנען טונקעלע ריטשקעלעך שוואך געלאָפן צום אײַנגעשרומפּענעם טײַכל. אַף אנטבלויזטע זאמדן איז געלעגן גרינער וואסער־שליים און זיך געטריקנט און געשווארצט זיך פונעם ווינט.
ווילדע גענדז, וואָס זײַנען פון פרעמדע ווײַטן אָנגעפלויגן אהערצו צו זומערן אַף אײַנגעזעסענע ערטער, האָבן אין לויטערן פרילינג־טאָג זיך געדרייט אינדערלופטן און געשריִען — דעם שטענדיק־פארוואסערטן פלייץ האָבן זיי געטראָפן א הוילן, מיט אָפענע בלאָטיקע געדערים... די גענדז האָט נאָך גע

שראָקן דער טויבער הילך פון וואלד: ערגעץ נאָענט
האָבן די ארבעטער ביימער געוואלגערט- און געריי-
ניקט די קאנאל-ליניע.

פון זון-אופגאנג אָן איז גאָרן אוועק מיט א פאר-
טיע טשערנאָבילער און מיט זלאָטאָוון נאָכאמאָל
איבערעכענען די טיפ פונעם קאנאל אפ די ערשטע
פיקעטן. קלאפטער נאָך קלאפטער האָט זלאָטאָוו
פארשלאָגן אין ווייכן גרונט פריש-געהובלטע ברעט-
לעך און מיט בלאָוון ליובריק אָנגעצייכנט אפ זיי די
טיפ.

...נאָך מיטאָג האָט גאָרנס פארטיע דערגרייכט די
ביימער-וואלגערער. ארום יעדן בוים אפ דער קא-
נאל-ליניע האָבן זיך געפּאָרעט דריי-פיר ארבעטער:
ארומגעגראָבן די וואָרצלען, אונטערגעהאקט, פאר-
וואָרפן שטריק אפן שפּיץ בוים, אפ די גראָבע צווייגן
און געגומען שלעפּן:

— שלעפּ!

— שטארקער!

— היט זיך!

— איינס! צוויי!

די פאלנדיקע ביימער האָבן טויב זיך געלייגט אפן
גראָז און געיאָגט ווינט אין די זייטן. סע האָט געררו-
דערט, ס'האָט זיך גערוישט אפ דער ליניע. מע האָט
זיך קלינגענדיק-שארף איבערגערופן פון די צעוואָר-
פענע פונקטן:

— א שטריק! ביסט טויב געוואָרן?

— א דרענגל דערלאנג!

— האלט, לאָז ניט אָפּ!

— קוועטש זיך ניט, ס׳ט עפּעס ארויסקוועטשן...

אָוורוצקי איז פאר די לעצטע פּאָר טעג שטארק אָפּגעבּרענט געוואָרן. פון אלע קלײַען אף זײַן פּאָנעם איז געוואָרן איין גרויסער קלײַען. ער איז אומגעלאָפן צווישן די בּיימער, געשריִען, געזידלט זיך, וועמען געהאָלפן ציִען א שטריק, אונטערהאקן א וואָרצל:

— פריילעכער, אוילעם, ס׳הײַנט שאבּעס, — מיר ווארפן די ארבּעט פריִער מיט א שאָ, גיט פארשפּעטיקן צום שאלעסודעס...

זאווערוכע קלעפּט זיך ארום אנדרייען. זיי שרײַבּן איבּער איינצווייען די ארבּעטער. זאווערוכע האָט געהאלטן א לאנגן פארשמאָלצעוועטן פּאפּיר אין האנט און א בּלײַשטיפט פארשטעקט אפן אויער. צוגעקומען צו א גרופּע ארבּעטער, האָט אנדריי זיך אויסגעדרייט צו זאווערוכען מיט דער פּלייצע און אף זײַן פּלייצע האָט זאווערוכע ארופגעלייגט דעם פּאפּיר און גענומען שרײַבּן געבּראָכענע אויסיעס:

— לאפּידעס! דײַן נאָמען? טאטנס נאָמען? פוןוואנען שטאמט עס א נעפעש? אין פארייִן בּיסטו?

— ע, ווען איך בּין...

— ג׳יי שנײַץ אויס די נאָז...

אנדריי איז געשטאנען און געדרייט מיטן קאָפּ היִן־און־הער—פונעם אויסגעפרעגטן ארבּעטער צו זאווערוכן און צוריק. מיט דער פּלייצע האָט ער קיין ריר ניט געטון, געשטאנען, פונקט ווי א שנײַדער וואָלט פון אים א מאָס אראָפּגענומען...

דער הויקער האָט געפירט מיט ווירדע זײַן בו־
לאַנעם, אײַנגעשפּאַנט אין איין כאָמוט. אים צוגע־
פירט צו אַן אומגעוואַלגערטן בוים, פאַרשלײַפט דעם
שטאַם מיט אַ שטריק, ביידע פרײַע שטריק־עקן
אַרײַנגעסיליעט אין די אויערן פונעם כאָמוט און
געגומען קערעווען אַראָפּ אַפּ דער ליניע:

— נו, יינגעלע...

דעם הויקער האָט פיל געהאָלפן זײַן זון, דער
געוועזענער לערער בײַ ניאַכעס קינדער. אַ ווײַס באָ־
בערל מיט פוכקע הענט און אַ פוכקע פּאָנעם, וואָס
אַרבעט מיט אַ מינע—איך בין זיך מאַפקיר בײַ דער
אַרבעט... אַז גאָרן איז צוגעקומען בעענטער, האָט
דאָס באָכערל עפּעס אַפּגיך אײַנגערוימט דעם פאָטער
זײַנעם, דער הויקער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערדל
און אָפּגעווישט מיט אַן אַרבל דעם ניט פאַרשוויצטן
פּאָנעם:

— גאָט העלף, כאַווער אינזשענער! פאָטער, נו,
מיר אַרבעטן, הייסט עס — ער האָט געקוקט פאָטעריש־
פאַרדײַגעט אַפּ זײַן זון, וואָס האָט זיך געלאָזט גיין
צום ווײַט־שטייענדיקן עמער וואַסער.—כאַווער אינ־
זשענער, וואָס זאָגט איר עפּעס אַפּ מײַן בענאָק? ער
איז אַ סאָציאַליסט... פון די ציעניסטן... זיי זײַנען
בײַ די גדוילים אָפּגעפּרעגט... נאָר וואָס טוט מען
דערצו — ער איז אַ שעמעוודיקער בײַ מיר... איך
וואָלט אַ באַלן געוועגן, איר זאָלט אים דאָ מאַכן עפּעס
פאַר אַ שרײַבערל. איך זאָג אײַך, ער האָט אַ גאָל־
דענע פּען אין דער האַנט. ווילט איר ניט, איז—ניט...

ארום אַן אַלטן דעמב האָבן געשמײַעט בא א צענדליק קאָראָסטענער און ניט געקענט אים ארומ־גראָבן — זײַנע פארדארטע וואָרצלען האָבן ארויס־געשפּארט פון דער ערד ארום דעם שטאַם אַף צוויי קלאַפטער אין דיאַמעטער. פון די שטײַפע הארטע וואָרצלען זײַנען העק אָפּגעשפּרונגען, ווי אָנגעטראָפן אַף געגאָסענעם גומי. מע האָט שוין געפּרוּווט אונ־טערזעגן דעם שטאַם, באָר די זעג־צײנדלעך האָבן זיך געטעמפּט און געבראָכן זיך אין די סטאַרטשנדיקע סוקעס. דערזעענדיק גאָרנען, האָבן די קאָראָסטענער ארײַנגעשטעלט די העק אין די גארטלען, פארדרייט מאכאָרקע־ציגארן, און אײנער א געפּאַקט יידל האָט זיך אײַנגעשטעלט און געפרעגט:

— כאָווער אינזשענער, וואָס טוט מען, אשטייגער, מיט אָט דעם קינד? — ער האָט מיטן קאָפּ אָנגעוויזן אַף דעם דעמב.

סע זײַנען אָנגעגאנגען נאָך ארבעטער. זיך איבער־געוואָרפן מיט האלבע ווערטער:

— מיר פארשפּילן דעם געוועט.

— די קאצאפּעס האָבן מאזל.

— א קונץ, אַז זיי פּאַקט זיך דינע דעמבלעך...

— ווי הוישאנעס...

אוילעם האָט מעוויניש באטראַכט דעם בוים, אײי־צעס געגעבן, זיך געוויצלט. דאָס געפּאַקטע יידל האָט ארײַנגעלייגט זײַן שווארצע באָרד אין מויל ארײַן, געקײַט זי, געקײַט, א מאַך געטון מיטן דער האנט, אײַנגעשטילט דעם פּילדערנדיקן אוילעם און מיט א

ניגנ, ווי מע לערנט געמאָרע, א געדאנק אופגע־
געבנ.

— מע וואָלט באדארפט אויסבויערנ די עמעסדיקע
לאָכ אונטער די וואָרצלענ... וואָס־זשע וועט זייַנ?...
זייַנ?... דאָס פייַער וועט שוינ דעמ בוימ אָפּטונ זייַנ
רעכט...

גאָרנ האָט זיכ דערמאָנט, אז קאָראָסטענער ערד־
פארוואלטונג האָט אימ מיטגעגעבנ א בלעכנ פּודע־
לע דינאמיט, פאר שטיינער־רייַסנ, אויב ס׳וועט אויסקו־
מענ, איז אימ אייַנגעפאלנ אופצורייַסנ דעמ דעמב.

— כאווייריִמ, מיט פייַער וועט איר דעמ דעמב
ניט נעמענ, — ער איז פייַכט. איכ האָב אנ אייצע:
מיר וועלנ אימ אופרייַסנ מיט פולווער.

דער אוילעמ ארומ האָט אנ אבקע געטונ פאר
היספּייַלעס.

— נייִנ, מיט אזא אינזשענער וועסטו ניט פאר־
פאלנ ווערנ.

— אָט א קאָפּ!

... א פייַפּ פונ ארייַנגעלייגטע צוויי פינגער אינ
מויל האָט א שניט געטונ דעמ אָוונטיקנ אינ־
דרויסנ.

— שאבאש!

אָוורוצקי אונ אנדריי זייַנענ געלאָפנ, ווי פאר־
סאמטע איבער דער ליניע אונ געוואָרנט די אייַלנ־
דיקע ארבעטער ניט פארגעסנ דאָס געצייַג.

— די העק, ס׳איז קאזיאָנע העק!

פּאָלעסיע ציט אפּ זיך א נײַעם געבײַנ

הינטער לוטשינקי האָבנ די קאָראָסטענער גע־מאכט שוטפעס אונ געארבעט איינ ארטעל.

דרײַסיק פּיקעטנ, דרײַ קילאָמעטער קאנאל, האָבנ זיי פארנומענ אונ געארבעט פונ קאלאָס ביז איינ דער זינקענדיקער נאכט ארײַנ. איינ עלטסטנ האָבנ זיי געשטעלט איבער זיך — אָוורוצקינ, אונ אָוורוצקי האָט אָפּגעמאָסטנ יעדנ פּאָרל צענ קלאַפטער:

— זעט, כעוורע, יאָגט ניט די נעשאָמע!

אראָפּגעוואָרפנ די רעקלעכ אונ די אונטערשטע העמדער, פארקאשערט די הויזנ ביז די קני, האָבנ די קויל־אָפּגעברענטע ארבעטער זיך געטאָפּטשעט די ערשטע טעג איינעם אופגערודערטנ שווארצנ גרונט.

וואָס מער זיי האָבנ געגראָבנ, מער האָט זיך זיי געדוכט, אז זיי וועלנ גאָר קיינמאָל ניט ארויסקריכנ פונ די גריבלעכ וואסער, וואָס זײַנענ געוואָרנ פונ יעדער שטעכ מיט דער לאָפּעטע. דער הויקער איז פונ פארטאָג אָנ געגאנגענ לעבגויס דער ליניע אונ געטראָגנ איינ ביידע הענט צו עמער ברונעם־וואסער. א בלעכנ קווערטל האָט אימ ארויסגעשטעקט פונ א הויזנ־קעשענע. בא יעדער פּאָרל גראבערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אונ געגעבנ זיך א דריי מיט א זײַטל, אז מע זאָל דאָס קווערטל דערזעענ:

— ייִדעלעכ, דערקוויקט אײַערע ביינער, א פרישנ טרונק וואסער!

און אז די פארשוויצטע ארבעטער האָבן זיך אָנ־געטרונקען, האָט ער זיך ווידער געשטעלט מיטן זײַטל, מע זאָל צוריק אַרײַנלייגן דאָס קווערטל צו אים אין קעשענע, און ניט געלאָזט קיינעם אָפּאָטע־מען זיך:

— צעקאַטיוקעט זיך, כעוורע, לאָזט זיך ניט אָפּ־קילן — אַזוי טו איך אויך מיט מײַן בולאַנעם: אָנגע־פּויעט, שמײַס איך אים אונטער, אַניט קאָנען נאָך פאַרקילט ווערן די געבליטן.

— יאָסי, אַהער מיט דער וואַסער!

מע שרײַט צו אים פון א ווײַטן פּיקעט, און דער הויקער שלעפּט זיך ווײַטער איבער די בערג־לעך אַרויסגעוואָרפענער ערד, ביז ער קומט־צו צו די לעצטע. באַם לעצטן פּאָרל זעצט ער זיך אַף אַן איבערגעקערטן ליידיקן עמער, פאַרוויכערט דעם ציבעק און הייבט אָן געמיטלעך זיך זאָרגן פאַרן אַרטעל:

— גאָרנ ווערט מיסטאַמע אָנלויפן און דערזען די בלאָטע, וואָס איר האָט אָנגעמאַכט... ער וועט ברענגען א פּאָלק סאָלדאַטן אײַך אַרומרייניקן — שײַעך צו ריידן.

איינע פרימאָרגן זײַנען די ארבעטער געקומען אַפן קאַנאַל און געטראָפן אין יעדן פּונקט, ווו מע האָט געגראָבן, פולע גריבער מיט וואַסער, וואָס איז אָנגעלאָפן פאַר דער נאַכט.

— כאָטש ברענג די ווײַבער און שיק זיי אין מיקווע — שײַעך צו ריידן...

אָוורוצקי האָט ניט געלאָזט קרעכצן. ער האָט אפגיך אויסגעשטעלט אין א לאנגער שערענגע אלע ארבעטער:

— ברידערלעך! א שמאָלער ריוועשיק זאָל מיר ווערן! אפ א לאָפּעטע די ברייט! איבער אלע אונ־דזערע פּיקעטן. און אָן דאַרטן וועלן מיר אים פאַר־קערעווען!

— איינס! צוויי!

שטיקלעך גלאנציקע ערד זײַנען זיך צעפלויגן אין די זײַטן, זיך צעשפּריצט און צעפליוסקעט. מע האָט זיך געריכט דעם טאָג אפ גאָרנען, האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער ארויסקריכן פונעם ריוועשיק.

— לעבעדיקער! איינס!

אָנגעהויבן גראָבן האָט מען פונעם לעצטן פּיקעט און גערוקט זיך מיט דער גאנצער שערענגע אפ צוריקוועגס.

— לעבעדיקער! צוויי!

גאָרב איז געקומען נאָך פאר מיטאָג און געזידלט אָוורוצקין ביזן סאָף טאָג:

— אז ווער האָט אײַך דערלויבט צעקארדאשען אזוי די ליניע?

זלאָטאָוו איז פון ראדאָוויל נאָך מיטאָג אָנגעקו־מען. ער איז געקראָכן אין די אויסגעגראָבענע גרי־בער, געמאָסטן די טיפ מיט א צעווירעטער לײַסט און געשאָקלט פארכידעשט מיטן קאָפּ:

— אָבער, גאָרב — די ייִדעלעך האָבן ארויסגע־וואָרפן קובן, האלעווײַ אפ מײַנע געזאָגט געוואָרן!

מיר האָבן באַם „ווײַזערל“ קיין האלב דערפון ניט געמאכט! יונגען, פּאָלגט מיך, שטעלט זיך מאָרגן פון אָנהייב ארבעט אײַערער און גייט שוין מיט א סיידער. דאָס ריוּוּטשיקל — איז ניט קיין שלעכט שטיקל ארבעט האָט איר אָפּגעטון; געדאַרפט עס טון דעם ערשטן טאָג, אויב איך האָט זיך פארמאָסטן אף דרײַסיק פּיקעטן.

די קאָראָסטענער האָבן געקוקט זלאָטאָוון אין מויל ארײַן און געשאַרפט מיט פּײַלעכלעך די לאָפּע־טעס זייערע. די באַזאַרער האָבן געראָוכערט ציגאַרן, געבלאָזן דעם רויך אין א זײַט און געוואָלט, אז זלאָטאָוו זאָל זיי זאָגן, — ווײַל ער האלט שוין די לײַסט אין דער האנט, — וויפל האָבן זיי פארדינט פאר די לעצטע־טעג...

מע האָט דעם הויקער געשיקט קיין לוטשינקי, ער זאָל שפּאַנען דאָס פערד און ברענגען עסן אף הײַנט וועטשערע און אף מאָרגנדיקן טאָג: א וואַ־רעמע נאכט, און אוילעם איז מיד, וועט מען שוין דאָ באַם קאַרשנבוים איבערנעכטיקן.

שײַטערס האָבן זיך צעלעקט ארום דעם קאַנאַל מיט רויטע צינגלעך, און מידע רוקנס האָבן פויל געבויגן זיך איבער צוגעשטעלטע טעפּלעך וואַסער. יונגוואַרג איז אוועק טיף אין וואַלד נאָך צווײַגן און פאר היימלעכקײַט פארצויגן ניט הרייסט דעם איבערגענומענעם ווילדן פּאָלעסישן מאָטיוו, וואָס טראָגט זיך טעגווײַז פון ווײַטע יאָרן צום קאַנאַל־צו. ווײַסער נעפּל, ווי שיטערע מילך, האָט גענומען

שפּאַרן פון דער ערד אַרויס. ערגעץ האָט געהוילט א וואָלף, צי דער פאַסטעך האָט געטריבן די פאַר־שפּעטיקטע טשערעדע קיין לוטשינקי און געזונגען זײַן ליד.

א שטערן, א לויטער שטיקל דימענט, האָט גע־עפנט אין מיזרעך־זײַט א לעכל אין הימל. גאָרן האָט געוואַרעמט די הענט בײַ א פײַערל און מעקאַנע געווען, שטאַרק מעקאַנע געווען די אַרבעטער, — זיך אָפּגעאַרבעט א טאָג, און אַזוי ליב איז די נאַכט און די רו. ווען ער איז אַן אַרבעטער, וואָס וואָלט אים איצט אָפּגעגאַנגען? וואָס, אַשטייגער?...

יאָסי הויקער האָט געבראַכט פון לוטשינקי א פורל עסן און געבראַכט א גאַסט.

— איך קום צו מיכײַלען — ער זיצט, דער פּאַ־רעץ! פונעם קאָמכאָמאָל זיצט ער, פונעם קאָראָס־טענער. איך קען אים.

ער האָט פונעם „אָבבעק“ - זעקל אַרויסגעשלעפּט צוויי שמאָלע פּאַסן כאַזער און זיי אָפּגעגעבן אָוו־רוצקין צו די הענט. ריידן האָט ער ניט אופגע־הערט, צו גאָרנען גערעדט:

— זאָג איך אים: ברודערל, ווי קומסטו אַהערצו פון דער קרוינשטאָט? שײַעך צו רעדן — ער איז גע־קומען דאָ עפּענען א קלוב. טײַנע איך צו אים: וואָס פאַר א קלוב, אַז היינט האָבן מיר קאַם זיך אַן אייצע געגעבן מיטן וואַסער און מאָרגן גאַנצפרי שטעלן מיר זיך ווידער צו דער אַרבעט? שאָקלט

ער מיט די אויערן און זאָגט — איך זאָל אים מיט־
נעמען, אַנדערש ניט געווינט געוואָרן בײַ זײַן
טאַטן. זאָג איך: ביסט ניט קליין גיין צופוס. אָט
האָט איר אים, טאָמער דאַרפט איר!

דער הויפּט־ער האָט זיך גענומען ציילן די קאָ־
רענע ברייטן און אַראָפּגעטריבן דעם פאַרשוינ פונעם
וועגעלע.

אַ פאַרשפּיליעט, גרינג בּאָכערל. ער איז מער
ניט אַלט, ווי אַ יאָר זעכצן־זיבעצן. און אויב עלטער —
קאָן מען אים געבן אַלע פיר און צוואַנציק. ער
האָט זיך געזעצט באַם פײַער, פון אַ שוואַרצן סע
ראַטענעם טאַש אַרויסגעשלעפּט אַ היפּש פּעקל
בריוו און גענומען זיי כאַרטירן. אײַנגעגראָבן די
קורצזיכטיקע אויגן אין אַן אַדרעס אַף אַ קאָנ־
ווערט, ערנסט און שווערלעך אופגעהויבן דעם קאָפּ
און אויסגערופן:

— כאַיעם־בער מאַריינע!

דאָס קאָל בײַ אים איז געווען אַ פאַרדומפּנס.
ער האָט זיך געפילט ניט היימלעך פון דער ניט־
געריכטער קאַלטער באַגעגעניש, וואָס ער האָט דאָ
געטראָפן, און ס׳האָט אים געשווינדלט אין די אויגן.
אַרבעטער זײַנען אים באַפאַלן ווי די בינען, גע־
שריען און איבערגעכאַזוערט:

— גאָלדנבערג! וויזן! גאָלדנבערג! ספּיוואַק!

דאָס באָכערל האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אײַנ־
געגראָבן אין די אַדרעסן און געלייענט ניט גע־
כאַפּט פאַמיליעס און נעמען.

גאָרנ האָט אימ געלאָזט קומענ צו זיכ. כעט־שפּעטער, ווענ דער גאסט האָט שוינ געהאט צע־טיילט אלע בּריוו, דערציילט אלע שטעטלשע נײַסנ און גענומענ אופּבּינדנ א געשוואָלנ פּעקל צײַטונגענ, איז גאָרנ צו אימ צוגעגאנגענ, געגעבּנ א האנט און זיכ פאָרגעשטעלט. —

דער הויקער האָט זיכ ארײַנגעדרייט האָפּערדיק, ווי א מעכוטנ פונ בּיידע צדאָדימ, און אָפּגעענטפערט פארנ שווײַגנדיקנ גאסט:

— קריס, פונעמ קאָראָסטענער קאָמסאָמאָל, גע־קומענ ארבּעטנ אפנ קאנאל און פארייניוועגס שוינ זײַנ א נסטרוקטער.

אוילעמ איז געווענ לעבּעדיק פונ די היימישע גרוסנ, וואָס מע האָט אָפּגענומענ, און ארומגע־שמײַעט מיט הייסע הילצערנע לעפל פונ נאָר־וואָס איבּערגעמישטע זודיקע טעפּלעכ. מע האָט געכאפּט נײַסנ צוזאמענ מיט אלטגעבּאקענע בּרויט און זיי אוועקגעטראָגנ צו ווײַטע פײַערלעכ.

— געהערט דאָס נײַס?

— ס'בּרויט איז הײַנט שווער מיט רוכעס!

— פונ אָזוראנ קלײַבּט זיכ צו אונדז א דעלע־גאַציע פּאָלישוקעס, זיי ווילנ מיר זאָלנ בּא זיי קא־נאלנ מאכנ.

— ווארט אויס, מע וועט אונדז נאָכ קומענ בּעטנ!

— די טשערנאָבּילער זאָלנ נאָר די ארבּעט ניט אויסכאפּנ בּא אונדז...

קריס איז ניט מיד געוואָרן דערציילן נײַסן נאָך נײַסן. ער איז געשטאַנען אײַנמיטן א רעדל און געהוי־דעט א נאסן אויסגעטאָנענעם שטיוול איבערן פײַער.

— דערציייל, קריס, נאָכאמאָל פון אָזעראַנ.

— איז, זאָגסטו, מיט וואָס וועלן זיי צאָלן — מיט געהילצ רעכענען זיי?

— ס'איז ערשט א מײַסע אפ נאָך יאָנטויוים? אבי איך האָב געמיינט...

— א קלוגער קאָפּ!

— די כאָכמע שטעקט אוואדע בא דיר.

אוילעמ איז זיך ווידער צעלאָפן צו די פײַערלעך איבערמישן דאָס געקעכטס, און דער שמועס איבער דער לאָנקע האָט געזאָטן און געשוימט זיך, ווי די גערשטענע קולישן, ווי די באָרשטשעס און ווי די קאשעס מיט מילך.

— דען נאָר אָזעראַן? און בעלאָקאָראָוויטשער כוטערעס זײַנען א הונט בא גאָט? און די „האָזענע לעכער"?

— און סלאָוועשנע, מיינט איר, שטייט אין דער־טרוקן? מע וואָלט ניט באדארפט דאָרטן ווי אין לעבן דורכשנײַדן א קנאלעכל?

— אייסעך, סלאָוועשנע! פון שטעטלעך האלט איך ניט... גיי האָב צו טון מיט ייִדעלעך!

— כעוורע, מיר דארפן זיך נאָר צולערנען די מעלאָכע, וועלן מיר גיין אין גאָלד.

— אויך מיר א מעלאָכע — גראָבן מיט דער לאָפּעטע...

— ווינטער. דארפ מען זיך אָרגאניזירן אין אן עמעסן ארטעל און נעמען גאָרנען אליין אפ א שטעלע צו אונדז.

— טייקעפ פליט ער.

— וואָס'אי — אונדזער געלט איז שמעלט? דאכט זיך פארהאָרעוועט געלט.

יאנקל ספיוואק, א שמאלציקער פארשוין אין א לאסטיקן רעקל, מיט א גרויסער בלאָווער גולי הינטערן לינקן אויער, האָט געקײַט אן עק באָרד אין מויל און געדרונגען פאר א רעדל: ‏_

— געדארפט ווי אין לעבן פאָרן אין אָלעוורסקער* אויספירקאָמ און אופגעבן א פ׳אן — זאָל מען אונדז דאָ צושנײַדן א נאכלע ערד פאר דער גאנצער כאוורוסע. איך קוק זיך צו, ראבויסײַ, צו די פאָלישוקעס...

— יאנקל, און דאָס ווײַב האָסטו שוין געפרעגט?

— זי וועט דיר מאכן אזא פאָרשפיל, דיר און דער נאכלע דײַנער, אז וועסט באלד פארגעסן די פאָלישוקעס...

— און מיר, ייִדן, געפעלט דער פלאן. קיין כערסאָן איז ווײַטלעך, און גיי צעברעך זיך. — דאָ, קומט אויס, איז אונטער דער נאָז; ביסט בא זיך אינדערהיים, וואָרעם וויפל איז פונדאנען קיין קאָראָסטען?

— שמײַע, וואָס שווײַגן עפעס אײַעריקע?

יאָסי הויקער האָט אויפגעמאכט מיט דער האנט:

— עפעס געפעלן מיר ניט די באזארער — זיי האלטן פון זיך שטארק...

גאָרנ האָט שוינ לאנג קיינ צײַטונגענ ניט געלייענט די ארבעט־שטויסט, פארכלינעט, פארגיסט. וויפל מאָל אינ די פארטאָגנ, אז ער גייט צו דער ארבעט, פילט ער, גאָרנ, אז פּאָלעסיע הוידעט זיכ אימ אונטער די פיס, אז פּאָלעסיע ריטשעט אונ ציט אפ זיכ א נײַעמ געביינ.

— הערט, כאווער קריס, איכ האָב זיכ באטראכט — מע דארפ פירנ א קולטור־ארבעט צווישנ די ארבעטער, איכ האָב קיינ צײַט ניט. עפשער וועט איר עס נעמענ אפ זיכ? לוינ וועט איר באקומענ לויטנ טאריפ — איכ וועל אײַכ דורכפירנ אינ טאבעל, ווי א טאָג־ארבעטער.

קריס האָט צוגעסמאלעט דעמ שטיוול, וואָס ער האָט געהאלטנ איבערנ פײַער. ער האָט געבלאָזנ אונ געשפּיגנ אפנ פארדארטנ לעדער. גאָרנען האָט ער געענטפערט קורצ:

— ניינ, באטאָג וועל איכ ארבעטנ באגלײַכ מיט אלעמענ. אפדערנאכט, נאָכ דער ארבעט, וועל איכ אלצייננס...

ער האָט גענומענ ארופציִענ אפּ א לעכערדיקנ זאָק דעמ אײַנגעשרומפּענעמ שטיוול, נאָר ער איז ניט געקראָכנ. איז ער אוועקגעשפּרונגענ אפ איינ פוס צו א וואסערל, טאָמער וועט אינ וואסער אָפּגיינ דער לעדער.

פונ די פײַערלעכ האָט מענ גערופנ:

— קריס, קומ כאפּנ א לעפל זופּעכצ.

— קריס...

גאָרנ איז אוועקגעגאנגענ צופוס קיינ לוטשינקי.

פיבער

פרי־זומער האָט זיך געלאָזט דערקענען נאָר אין דער וועקסענער געלקייט פון די ווערבעס און אין די קילע פאַרטאָגן. באַטאָג האָבן די וואַלד־לאַנקעס שוין געקלונגען פון היץ און מיט מעטאַלענעם זשום פון שווינדלדיקע מוקן אין גראָווע כאַקי־פּליגעלעך.

איין אַרבעטער האָט זיך אַוועקגעלייגט קראַנק. הענט און פּיס האָט אים געבראָכן, דאָס פּאָנעם גע־פּייערט. ער איז געלעגן אויף אַ גראָזיק בערגעלע אונטער ביימלעך און שטיל געקלאָגט זיך:

— ס'מיר קאַלט און ס'האָדעט מיך.

די קאָראָסטענער האָבן געאַרבעט שווייגנדיקע. די היץ האָט געמוטשעט און די מוקן האָבן ניט גע־לאָזט צורו. דער הויקער איז ווי אַן אומרו אומגע־גאַנגען מיט די עמער וואַסער הין און צוריק — אוילעם האָט געטרונקען לאַנג און זשעדנע. פון צייט צו צייט האָט זיך אַן אַנדערער אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און אַוועקגעשפּאַנט צום ווייטן בערגל:

— ני, כוילע, וואָס מאַכסטו?

דער קראַנקער טוט פאַרמאָרעשכוירעט אַ מאַך מיט דער האַנט. ווי איינער רעדט: — זעסט ניט? איך בין פאַרביי!

אָפּטער פון אַלעמען קומט געוואָרע ווערן יאָסי הויקער. ער שטעלט אַוועק די עמער און זעצט זיך צו דעם כוילע צוקאָפּנס. ער פרעגט אים, טאָמער וויל ער אַ פרישן קאַלטן טרונק. און אַז דער שלאַ־

פֿער שטרעקט אויס א ציטערנדיקע האנט נאָכן קוווערטל, דערמאָנט זיך דער הויקער:

— טאָמער טאָרסטו גאָרניט טרינקען? דאָ כאַ־לאַעסן, וואָס וואסער איז סאמ פֿאר זיי.

ער טאפּט דעם קראנקן דעם קאָפּ:

— ברענסט, ברודערל, ווי א פֿײַער, — יאָסי הייבט זיך אוף מיט א קרעכץ, נעמט די עמער און גייט אוועק צו די קאנאלן.

— ס׳זאָל כאָטש ניט זײַן קיין טיפֿעס, זאָל ניט זײַן...

— געדארפֿט איבעריידן מיט קריסן און זען דאָ עפּענען א מעדפּונקט.

— גיי רעד מיט אים, שײַעך צו ריידן — אז ער ווייסט ניט פֿון קיין עלטערס איבער זיך! א וויל יינגל, ביז גאָר א וויל יינגל, נאָר ווי איר זעט מיך א יידן, — ער וועט זיך דאָ אונטעררײַסן בא דער ארבעט...

דעם ערשטן טאָג ארבעט אפֿן קאנאל זײַנען קריסן געוואָרן ווײַסע פּוכירעס אף די דלאָניעס (ער האָט זיך פֿארגאנוועט פֿון פֿרעמדע אויגן און גע־בלאָזן אף די פֿריִענדיקע דלאָניעס און באשיט זיי מיט צעריבענער ערד), דעם דריטן טאָג האָבן די פּוכירן געפּלאצט און ס׳איז אויסגערונען ווײַסלעכ־געדיכטע וואסער. די נאסע הענט האָבן זיך געקלעפּט צום הילצערנעם הענטל פֿון דער לאָפּעטע און גע־שמארצט, ווי אָפּגעבריטע. קריס האָט זיך ניט אונ־טערגעגעבן. ער האָט געארבעט ווי א גלאָק פֿון

פארטאָג אָן און מיט קיין אייַן לאָפּעטע־שטאָב ניט אָפּגעשטאַנען פון זייַן „פּאַר״.

אינדערהיים האָט ער גערויכערט, דאָ בא דער ארבעט האָט ער געוואָרפן רויכערן,—שווער געווען מיט נאסע שמארצנדיקע פינגער פארדרייען א ציגאר. פארנאכט, ווען אוילעם האָט די ארבעט געענדיקט, האָט ער קיין אייגענעם שײַטער ניט געמאכט— צוגעשטעלט בא א פרעמדן פײַער זייַן רויטאָן'מייזש קעסעלע, אפגיכ אָפּגעגעסן און אוועק א שוויַיגנדיקער שלאָפן.

א שאבעס פארנאכט, ווען גאָרן האָט פארמאָסטן די אָפּגעארבעטע קובן, האָט דער מידער קריס אים אָפּגעשטעלט:

— כאווער אינזשענער, געבן ארבעט פונעם קובהייסט—אוועקפאטערן מענטשן! שטעלט אונדז איבער אפ טאָג־ארבעט.

און נאָך:

— דעם זעקסטן קראנקן הײַנט אָפּגעשיקט קיין קאָראָסטען. מע דארף באגיסן די ארומיקע זומפּן מיט נאפט, און כינע—כינע פארוואָס גיט איר ניט ארויס די ארבעטער?

א מיטן באטאָג האָט זיך אָנגעהויבן כמארען. פון מיזרעכ־זײַט הימל זײַנען געגאנגען אפ דער זון קליינע העלע וואָלקנדלעך, מאכנעסווײַז געגאנגען, ווי טשערעדעס שאָף, זיך צונויפגעשלאָגן און טונקעלער געוואָרן, און ווידער זיך צעפליקט אין ליכטיקע

הויפנס וואטע. א גרינגער ווינט האָט געטרייסלט דעם וואלד, געבלאָזנ טרוקנ אפ די קאנאלנ אונ באדעקט די ברודיקע ריטשקעלעכ מיט אנ אָנפלי געלע סאָס־נע־נאָדלענ.

— יִדנ, סיקלײַבט זיכ א רעגנ, אונ איכ האָב שוינ קיינ קויעכ ניט...

אפ די קאנאלנ האָט מענ געארבעט מאט. מאט געשטאָכנ די לאָפּעטעס אונ פויל ארו־סגעוואָרפנ די לויזע ערד. אָנ פלײַס האָט מענ געארבעט, נאָר מיט געניטנ אונ זיכערנ שטעל, אונ די בערגלעכ אָנשיט באַם ראנד קאנאל זײַנענ געוואָקסנ גלײַכ אונ מיט א מאָס, ווי אונטער א שנירל.

יאָסי הויקער האָט געטראָגנ זײַנע עמער ברונעמ־וואסער איבער דער ליניע אונ איבערגעגעבנ מײַסעס אונ ווערטעלעכ פונ איינ פיקעט צומ צווייטנ. שווער איז אימ געווענ צו טראָגנ די עמער. ער איז געגאַנ־גענ אײַנגעבויגנ, האָט זיכ געדאכט, אז אפנ הויקער זײַנעמ איז פארנ כוידעש ארבעט אינ וואלד אויסגע־וואָקסנ נאָכ א קליינ הויקערל.

— אָ׳ — יאָסי הויקער האָט אָפּגעקרעכצט בא א גרופּע ארבעטער — מיט יִדנ איז נאָר גוט קוגל צו עסנ, שײַעכ צו ריידנ... מע איז, דאכט זיכ, אלציינע קאפּצאָנימ, האָט מענ זיכ צעטיילט, אפ קאָלאָניעס זיכ צעבוצקעט...

דער הויקער האָט אוועקגעשטעלט די עמער, פּא־רויכערט דעמ ציבעק אונ דערלאנגט א קווערטל וואסער א פארשוויצטנ ארבעטער:

— אפ קאפּאָרעס דארפ איכ זיי, נאָר זיי זײַנעג פּאָרט גערעכט, די באַזארער. אז זיי זײַנעג שוואכע ארבעטער, איז וואָס? דארפ מעג זיכ פונ זיי אָפּ־טיילנ? אדעראבע, מע דארפ זיי מעקארעוו זײַנ אונ ארבעטנ, וואָס גאָט גיט... איז בײנ... זאָגנ די אָוו־רוטשער, מע זאָל ניט זינדיקנ מיט די רייד, אז זיי זײַנעג א באַזונדער קאָלאָניע. אונ די קאָראָסטענער זײַנעג אוואדע א קאָלאָניע—א ווערטעלע, הונדערט נײַנציק ארבעטער זײַנעג זיי איצטער, מיט דער פּריי־שער פּארטיע פונ קאָראָסטענ. אונ די סלאָוועשנער מערידנ־קוועטשער האָבנ זיכ אויכ געמאכט א קאָלאָ־ניע — צוואנציק שלימעזאלניקעס. וואָס טויג אײַכ מײַסעס — באַ דרײַ הונדערט יידישע ארבעטאָרער האָבנ זיכ צעטיילט אפ פינפ קאָלאָניעס אונ אלע ווילנ טרינקענ אונ דאָ בינ איכ אײנער... — ער האָט מיט א קרעכצ גענומענ די עמער אינ די הענט אונאוועק צומ ווײַטערדיקנ פּיקעט. גערעדט צו זיכ אליינ:

— קאמ אײַנגעשטילט די מאָגנס... ס'גאָר קיינ כידעש ניט, וואָס זיי זשליאָקענ אזוי... אז אלע עסנ כאזער, אז זיי קאָנענ גאָר דעמ כאזער ניט פארגע־מענ — פארשטעקט מענ זיכ די נאָז אונ מע שיט אָנ אפ א שטיקל קוויטש א גאנצנ פוד זאלצ.

— יאָסי, אהער מיט די עמער.

— רעב לייווי, איר ווילט א טרונק? איר עסט זיכ קיינ כאזער ניט... כאפּט זיכ ניט צו... אז זיי מיי־נענ, דער כאזער גיט זיי קויעכ—ניט מער, מע טרינקט דערנאָכדעמ אסאכ אונ מע באקומט דאָס קאדאָכעס...

ס'האָט געגומ'ען מאַראַקן אַן אַלאַכסנדיק רעגנדל. אוילעם איז אַרויסגעקראָכן פון די קאַנאַלן און געלאָזט זיך לויפן צו די ווײַטע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. לויפנדיק האָט מען אַרופגעכאַפּט אַף זיך די רעקלעך, אָנגערוקט די היטלען איבער די אויערן און דאָס יונגוואַרג האָט געפּילדערט אינעם פּאַנאַנדערגאַנגענעם גאָס־רעגן:

— באַ

— די

— קאָ

— ראָס

— טע

— נער

— איז

— אַ

— פּאָר

— טראַג

באַ די באַזאַרער אין פּאַלאַטקע האָט שמײַע צוגויפגעשטעלט אַ צעטל פון זײַנע אַרבעטער:

— נאָכעמ־בער האָסט זיך שוין פאַרשריבן? דו ביסט דער לעצטער? אָט האָסטו, — צוויי און צוואַנציק זײַנען מיר געבליבן. איינ און צוואַנציק און די שטומע... נאָכעמ־בער, ס'האַלט שמאָל.

— וואָס שמאָלעווסטו מיר? יענע וואָכ האָבן מיר אָפּגעשיקט אַהיים צען שלאַפּע? איינעכטן — פינף? נעכטן האָבן דרײַ געמאַכט פלייטע? האָסטו — אַכצן? צוויי און צוואַנציק זײַנען מיר? איז וואָס־זשע

װילסטו—אַלע אונדזערע פּערציק... נאָר עפּעס גרױלט מיך אַביסל...

בײַ די קאָראָסטענער אין דער גרױסער פּאַלאַטקע האָט קריס געלײענט אױף קאָל פֿאַר אַ גרופּע אַרבעטער דאָס לײט־אַרטיקל פֿון אַ יענערװאָכיקער צײַטונג. ער איז געשטאַנען בײַם פֿאַרהױכקעטן פּענצטערל, געהאַלטן אין בײדע הענט דעם צעפּיצלטן בלאַט און פֿאַרהיקענדיק זיך אַרױסגערעדט אַ לאַנג װאָרט „קאָנפֿידענציאַלנע"... אױלעם האָט אים אונטערגעהאָלפֿן און געפּרוּװט טרעפֿן די טײַטש. בײַ די סלאָװעשנער אין פּאַלאַטקע איז געגאַנגען אַן אַלגעמײנע פֿאַרזאַמלונג, אװראָם סלאָװעשנער האָט גערעדט, און װאָס שטאַרקער דער רעגן האָט געקלאַפּט אױף דער דרױסנדיקער זײַט פֿונעם ברעזענט, מער האָט ער זיך געהיצט און געשיט פֿײַער:

— דער אינזשענער טאָגט און נעכטיקט ערגעץ בײַ זײַנע טשערנאָבילער אין ראַדאָװיל און די ייִדן דאָ געלאָזט אױף הפֿקר... דער פֿיבער װעט אונדז אַלעמען אױסקלײַבן... מע פֿירט די שלאַפֿע קלאָמערשט קײן קאָראָסטען אין שפּיטאָל, נאָר מע האַלט זײ דאָרטן אַפֿילע קײן טאָג ניט, אַבי מע גיט אונדז בײַנע...

דער רעדנער האָט פּלוצים אױפֿגעציטערט און זיך אַ כאַפּ געטון בײַ זײַן פֿאַרװאָקסענעם נאַקן.

— אװראָם, ס'האָט דיך שױן אַ נעם געטון?

— אװראָם, פֿאָלג מיך, נעם אײַן אַ פּראָשעק.

און אװראָם:

— פילדערט ניט אזוי, ס׳איז א טראָפּן פון דער סטעליע האָט מיר אַריַנגעקאַפּעט אין קאָלנער אַרײַן... מיר זײַנען דאָ דרײַ הונדערט ייִדן, און דער אינזשענער איז דאָך ניט קיין פּינינספּעקטער,—דעם אינזשענער וואָלט מען געקאָנט בייגן: ער דאַרף די ייִדן צאָלן טײַערער פון די גויִים, ווײַל מע קען אונדז צו די קאַצאַפּעס ניט גלײַכן, מיר קענען מיט קיין ציבעלע דעם טאָג ניט אָפּקומען און אהיים דאַרף מען שיקן... די מאַיאָנטקעס, וואָס מיר האָבן אינדערהיים געלאָזט? האָט ער אָבער, דער אינזשענער, א צאַד — די קאָראָסטענער טעלערלעקערס האָט ער, און זיי שטייען פאַר אים אײַזן...

— אוראָם, מע דאַרף מאַכן א ראַש...

א יונג באָכערל איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג. ער האָט געהאַלטן זײַן לאָפּעטע אויפן אַקסל און גע-רופן דעם אוילעם צו דער אַרבעט:

— דער רעגן האָט שוין אופגעהערט און די קאָ-ראָסטענער גראָבן שוין.

ווען די צעהיצטע סלאָוועשנער זײַנען אַרויס פון זייער פּאַלאַטקע איז דער הימל שוין געווען אויס-געלײַטערט. די קאָראָסטענער זײַנען געשטאַנען אין קאַנאַל און געשאַרפט געלאָסן די לאָפּעטעס. די אָוורוטשער האָבן געוואַרט בא זייערע פּיקעטן, דאָס רעגן-וואַסער זאָל אָפּלויפן פון דער באַטאַרייע.

די זון האָט ווייך געשײַנט, געוואַרעמט די נאַ-קעטע פלייצעס פון די אָנגעבויגענע אַרבעטער. א מידקײַט האָט אויסגעגאָסן אַלעמענס פּנימער. מע

רעדט צווישן זיך פויל, — מע צעשלאָגט זיך מיט א וואָרט די געדאנקען. אייניקע פארגאנווענען זיך און טוען זיך א טאפ דעם קאָפּ — דאכט זיך, א קאלטער קאָפּ...

גאָדל, יאָסי דעם הויקערס זון, האָט איבערגעגו־מען דעם פאָטערס ארבעט און געטראָגן די עמער וואסער איבער דער ליניע. יאָסי הויקער איז ניט מיט אלעמען און נאָכן רעגן אפ דער ארבעט ניט ארויס־געגאנגען. גאָדל האָט געדרייט זײַן קעפּל אפן דארן העלדזעלע און מאָרעשכוירעדיק געדארשנט בא די גרופּעס ארבעטער:

— אין ראדאָוויל איז די לופט ריינער, ליגט ער דאָרטן, דער גאָרן, אונדז האָט ער דאָ איבערגע־לאָזט אפ אָוורוצקין. וואָס ווייסט א קאָמיוגיסט? אונדזערע רייען ווערן שיטערער און שיטערער...

— ס'זאָל דיר „רייען" אין קאָפּ. ווער פרעגט דיך?

גאָדל שלינגט אראָפּ א מויל שפּײַעכץ און דער גרויסער „קנאָפּ" פון עם דארן גערגעלע טוט א פּאָר ארופּ און אראָפּ. ער נעמט מיט א זיפץ די עמער און גייט זיך ווײַטער. גייט אָפּ עטלעכע שפּאן, שטעלט זיך און דרייט זיך אויס אפ צוריק:

— און איך זאָג מײַנס, מע דארף ברענגען א קאָ־מיסיע פון קאָראָסטען, זאָל זי זען, וואָס דאָ טוט זיך און זאָל זי אָנעמען מיטלען. עפּשער דארף מען אָפּ־שטעלן די ארבעט...

— פארנעם זיך, פּאָנעם, צו די סלאָוועשנער פּוי־ליאקעס.

כעוורע, אין די קאנאלן!

די קאנאלן זײַנען געגאנגען כאָדאָראָם: די באַזארער ייִדן האָבן זיך [illegible]ײַנטעוועט און אף דער ארבעט ניט ארויסגעגאנגען. נאָכעם־בער באזארער איז געשטאנען בא די קאָראָסטענער פּיקעטן און אײַנגעטײַנעט מיט לייווי שלימעס:

— רעב לייווי, קומט צו אונדז אין פּאלאטקע, איר זײַנט פּאָרט אן עלטערער מענטש, און גיט א קוק מיט אײַערע אייגענע אויגן, — שמײַע אונדזערער ליגט אין איין היץ, ברענט ווי א סרייפע, און אז שמײַע ליגט, וויל אוילעמ פון די געלעגערס זיך ניט רירן.

קיינער פון די קאָראָסטענער האָט דעם קאָפּ ניט אופגעהויבן. זיי זײַנען געשטאנען אין קאנאל און געארבעט גיך, ווי מע וואָלט זיי מיט שטעקנס געטריבן, ארײַנגעשטאָכן די לאָפּעטעס ביז די הילצערנע הענטלעך און זיך אונטערגעריסן ווארפנדיק שווערע הרודעס ערד. אווראָמ סלאָוועשנער האָט ניט געלאָזט רעדן נאָכעמ־בערן, ער איז ארײַנגעשפרונגען צו די קאָראָסטענער און געטאָפּטשעט א באָרוועסער אין דער בלאָטע.

— א סוואָרע, — האָט ער געפײַפט דורך די שיטערע ציין, — פּראָוויאנט וועלן מיר אף וועכשערע האָבן א פײַג. אָ דאָס איז אָוורוצקי געפאָרן קיין ראדאָוויל... און דער פיבער איז א ווערטעלע? באַזאר איז שלאף, סלאָוועשנע איז שלאף, און איר וועט אויך פאלן פון די פיס...

נאָכעם־בער האָט געזוכט עמעצן פאַר וועמען זיך צו פאַרענטפערן און אראָפּנעמען פון באַזאַר דאָס אַכרײַעס. ער האָט אָפּגעשטעלט גאָדלען, וואָס איז אונטערגעקומ .ן א קרעכצנדיקער מיט די עמער וואַסער.

— גאָדל, מיר ווילן דען ניט אַרבעטן? נאָר אַז שמײַע לייגט זיך אַוועק מיט פּערציק גראַד, דאַרף מען זיך האָבן א האַרץ פון א טאָטער... ביסט זיך פּאָרט א יונגערמאַן, קום אַרײַן צו אונדז אין פּאַלאַטקע און טו א קוק מיט דײַנע אייגענע אויגן...

א יונג איז צוגעלאָפן צום קאַנאַל, א פּאַרסאָפּעטער, א דערשראָקענער. ער האָט זיך געשטעלט באַם ראַנד קאַנאַל, אײַנגענומען דעם בויך, ווי ער נעמט זיך איבערשפּרינגען די ברייטע באַטאַרייע, און א געשריי געטון:

— קומט אין פּאַלאַטקע, יאָסי הויקער איז בא די לעצטע מינוטן!

אין קאַנאַל האָט איינער געהאַט פאַרקערעוועט א וועסערל אין א ריוטשיק אַרײַן. דאָס וואַסער האָט א פריילעכן פּלייץ געטון, א זשומע, און זיך צעבורטשעט.

מאַריינע האָט אַוועקגעוואָרפן זײַן לאָפּעטע אין וואַסער און א מאַך געגעבן מיט דער האַנט, פאַרקלעמט:

— גענוג!...

נאָך מאַריינען האָבן די איבעריקע קאָראָסטענער גענומען וואַרפן זייערע לאָפּעטעס; מע האָט זיי ניט

געוואָרפֿן, זיי זײַנען אַליין פֿון די הענט אַרויסגע־פֿאַלן, ווי זונרויז־שטענגלעך אין אַ שטורעם. קיינער האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, שווײַגנדיקע האָט מען אָנגעהויבן אַרויסקריכן פֿונעם קאַנאַל. אוראָם סלאָוועשנער איז אַ צעיאָצטער אַוועקגעלאָפֿן מיט דער בסורע צו די ווײַטע פּיקעטן. גאָדל האָט פֿאַר איבעראַשונג אויסגעגאָסן ביידע עמער וואַסער, איי־נעם נאָכן אַנדערן, און פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַנט צו דער גרויסער פּאַלאַטקע זיך געזעגענען מיטן פֿאָטער.

מאַריינע האָט ביידע הענט אַרונטערגעשטופּט אונטערן היטל און זיך געקראַצט אין קאָפּ. די נאָז איז אים געוועזן בלאָו און אַרום די אויגן האָבן זיך אויסגעלייגט קרוינדעלעך קנייטשן.

— עי, קינ־דערלעך, איז ביטער!...

דאָס יונגוואַרג איז געזעסן אויסגעזעצט באַם ראַנד קאַנאַל און געגראָבן מיט די פֿינגער פֿון די באָרוועסע פֿיס גריבלעך אין דער פֿריש־אָנגעשאָטע־נער ערד. מע איז געווען פּאַרטוף אין דערדאָזיקער אַרבעט, גלײַך זי גייט זיי אין לעבן. בא אַלעמען זײַ־נען די אויערן געוואָרן אָנגעשפּיצט, געכאַפּט יעדער ריגעווע פֿון די עלטערע.

מאַריינע:

— איז אומזיסט געווען די מוטשעניע, האַ?

מע האָט ניט גערעדט דערפֿון, נאָר מע האָט גע־ווּסט, אַז מער אין קאַנאַל גייט מען ניט. אַז — אַן עק! מע איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און

ס׳האָט געגומען באַנק צו טון עפּעס, ס׳האָט עפּעס געשראָקן.

— אַזאַ שטיק קאַנאַל שוין אָפּגעמאַכט...

— פּיסעם מיט ראַמסעס געבאָוועט...

— אַ יעש!

— אַז מע נעמט זיך באַטראַכטן, איז דאָס לעבן ניט ניכע...

דאָס יונגוואַרג האָט געשווינדער גענומען גראָבן די גריבלעך אינעם ווייכן אָנשיט. מע איז געזעסן געפּלעפּט און דערשלאָגן. איינער האָט אויפגעריסן דעם קאָפּ און הייזעריק זיך אָנגערופן צו מאַריינען:

— און מיט אונדז וואָס וועט זיין?

פון די ווייטע פּיקעטן זיינען אײנציקווייז צוגעקומען אַרבעטער. מע איז געגאַנגען מיט דער לאָנקע, שטיל־שמועסנדיקע, ווי נאָך אַ לעווייע, אָפּגעברענטע, פאַרכוישעכטע, מיט די לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס.

אווראָם סלאָוועשנער האָט פאַרלייגט די הענט אויפן הינטן און געשפּאַנט הין און צוריק. ער האָט געפּאָכקעט מיט ווערטער: — פאַרפאַלן די קו מיטן שטריקל... איך האָב אָבער געוווּסט אפריער...

נאָכעם־בער איז אָנגעקומען פון דער באַזאַרער פאַלאַטקע. ער האָט זיך געזעצט לעבן מאַריינען מיט די פיס אונטער זיך, זיך געזעצט, ווי מע זעצט זיך שיווע נאָך אַן אַלטן טאַטן, וואָס מע האָט זיך שוין לאַנג געריכט אויף זיין טויט.

— כ׳האָב דערציילט שמייען, שרייט שמייע, אַז מע זאָל זיך ניט דערוועגן אַוועקגיין פון די קאַ־

נאלן. ער וועט פלעטן דעם קאָפּ. נאָר ער רעדט אפּאָנעם פון היץ, נעבעך, שמײַע...

קריס האָט זיך אופגעהויבן פונעם הײַפל יונג־ווארג, ווו.ער איז געזעסן א כמורנער, א שווײַגנדי־קער און צוגעגאנגען צו די עלטערע.

— כאוויירים,—האָט קריס אָנגעהויבן מיט א מי־טינג־טאָן,—מיר האלטן..

דאָס יונגווארג האָט אופגעהערט גראָבן די גריב־לעך מיט די פיס. זיי האָבן זיך אלע אופגעהויבן און געעפנט די מײַלער,—וואָס וועט קריס זאָגן?—פאר־לאָרנקײַט האָט פארשארפט די נעזער פון די יונגען, פון די אויגן האָט געשלאָגן אָנגעשטרענגטער נײַ־גיר. זיי זײַנען געווען צופיל שלאבעריק צו רירן מיט א געדאנק, אפ צו באנעמען, וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָט זיי פארטויבט דאָס געשעענע און מע איז געווען מאט אליין א קלער צו טון.

דער מיטינג־טאָן, מיט וועלכן קריס האָט גענומען ריידן, האָט עפּעס ניט געפּאסט צו דער שווײַגעניש פונעם זיצנדיקן אוילעם. ער האָט זיך ארומגעקוקט, קריס, אפ די פארמאָרעשכוירעטע ארבעטער און גע־נומען ריידן געפּאלענער:

— מיר האלטן, אז די יונגע וועלן ניט אוועקגיין, טוט מיט אונדז וואָס איר ווילט...

דאָס קאָראָסטענער יונגווארג קלעפּט ארום די סלאָוועשנער. זיי עסן זיך אָפּ דאָס הארץ:

— וואָס הערט איר אײַער אווראָמען? ער איז אן אלטער ספּעקוליאנט, אײַער אווראָם. בלײַבט דאָ!

קריס איז דען ניט גערעכט? מיר זײַנען שוין באַלד אַריבער די זומפּן, איצט גייט אַ קאַנאַל, ווי אַ פּי־דעלע—טאָרף גייט... מירן אָפּפּאַרדינען פאַר איצטי־קער צײַט אויך. אין אַ כּוידעש אָנדערהאַלבן אַרום קומען מיר צו מיטן קאַנאַל ביז ראַדאָוויל.

גאָדל דרייט זיך אום אַ פאַרמויעכטער. ער שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ בײַ אַן אַנדער קופּקעלע אַרבעטער, היצט זיך און דאָס דאַרע גערגעלע מיטן קנאָפּ שפּרינגט אַרויף און אַראָפּ:

— מיר דאַרפן זיך האַלטן איינס. אַלע אַרבעטער דאַרפן זיך האַלטן איינס. די באַזאַרער און די סלאָ־וועשנער גייען אַוועק פון די קאַנאַלן. דאַרפן מיר אויך אַוועקגיין, יעדערער דאַרף קומען צו זיך אין שטעטל און פּראָטעסטירן — מע האָט אונדז עקס־פּלואַטירט ווי די לעצטע... אַכדעס דאַרף זײַן בײַ אונדז! אויסנלאַנד, יעוראָפּע און אַמעריקע, דאַרף קלינגען, אַז דרײַ הונדערט ייִדן האָבן בײַ דער אַרבעט פאַרשטרײַקט... איך זאָג אײַך נאָר, אַז ס׳איז אַ ייִדסעקיש שפּיצל... און גאָרן איז בעפּיירעש אַ ייִדסעק!

— ווער האַלט דיך דאָ, גאָדל?

— אַז מע האָט אײַך פאַרבלענדט, מ׳שטיינס גע־זאָגט. מיר דאַרפן פאַרשטרײַקן און פּראָטעסטירן!

— גאָדל, איך האָב זיך דערמאָנט — וואָס ביסטו עפּעס נעכטן געלאָפן צו ניאַכען?

אַווראָם סלאָוועשנער:

— איך וואָרן אײַך, ייִדן, אַז איר וועט דאָ גאָר־גאָר מ׳עס אָפּשנײַדן...

— און מיר בלײַבן! האָסטו געזעען א צוטשעפע־ניש?

— ייִדן, בלײַבט! ייִדן, מיר זײַנען דאָס שווערסטע איבערגעקומען.

— גאנץ קאָראָסטען בלײַבט. מיר זײַנען ניט קיין ייִנגעלעך...

— אָוורוטש בלײַבט אויך, הײַנטיקער טאָג איז כאָלילע קיינער ניט פארשלאפט געוואָרן.

— ווײַל מיר האָבן ניט געארבעט. אָ דאָס טײַנע איך זיך די גאנצע צײַט...

— ניין, ס׳הייבט זיך ניט אָן, — ווײַל מיר האָבן שוין אויסגעפּעלט דעם לעצטן זומפּ.

קריס האָט זיך אויסגעדרייט צום יונגווארג און אויסגעצויגן ניט דרייסט:

— איאָ, כעוורע?

א שטומער פרעג מיט די אויגן האָט א בלאָנדזע געטון פון איין באָכער צום צווייטן. דער לעצטער יאט באַם ראנד קאָל האָט א שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ: יאָ!

ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג: די יונגע, אלע ביז איינעם, האָבן אזוי געהאלטן, זיי נעמען און קריכן שוין צוריק אין דער באטארייע.

— ווער האָט דען געזאָגט, אז מיר גייען אוועק?

— מיר פון די קאנאלן אירן זיך ניט.

— מירן איבערקומען אזוי שיין ווי גאָלד...

— אוועקגיין פון ארבעט, דארף מען זײַן פריש און געזונט און מעשוגע.

— מיר זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אַר־בעט אונדזערער, צי ניין?

— כ'עוורע, אין די קאַנאַלן, נאָך מיר!

קריס איז געשטאַנען אָפן אָנשיט, מיט דער פּלייצע צו די עלטערע אַרבעטער, און פאַרזיכטיק זיך גענו־מען אַראָפּלאָזן אין דער באַטאַרייע.

די פאָלישוקישע ליד.

קאַלטע נעכט האָבן זיך געשטעלט.

מע שטייט אויף אינדערפרי איז געל אין די אויגן פונעם בלעטערפאַל. אין דער ברוינקייט פון די ווער־בעס. וואָס בייגן זיך אין קאַנאַל אַרײַן, וואַרפט זיך אַמאָל דורך אַ גאָלדן בלעטל אַ דעמבנס און אַ רויטער בלוטסטראָפּן פון אַ קאַלינע.

די קאָראָסטענער האָבן שוין אָנגעשפּאַרט מיטן קאַנאַל בײַ די פאַרקוילטע לאָנקעס — איין טאָג אַר־בעט איז געבליבן און זיי קומען אונטער צו ראַדאָ־ווילער הרעבליע, צו דער טשערנאָבילער דיסטאַנציע; הינטער אָזעראַן שטייען די קאַצאַפּעס און דערשנײַדן די לעצטע פּיקעטן בײַ דער לאַנגער הרעבליע — שוין נאָכן זומער און נאָך דער אַרבעט.

האַרבסט.

פוילע ווינטן פּראַוועןשטיק דורך די נעכט און רײַסן פּאָלעס פון די פאַרבלאָטיקטע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. ווען מע כאַפּט זיך ניט אויף, איז נאָך

בלאָוו דער דרויסנ, ווענ מע וואַרפט ניט די אַרבעט, איז שוינ העט אינ אָוונט.

אינ די באַטאַרייעס שטייט מענ אינ וואַטאָווע לײַבעקעס אונ אינ האַרטע יוכטענע שטיוול. שוער גייט די אַרבעט, — מע קליגט זיכ שטיינ אפנ טרוקע־נעמ אָנשיט אונ שאַרנ אײַנגעבויגנ די לויזע בלאָטע.

דרײַסיק קאָראָסטענער, די עלטערע, זײַנענ שוינ אינגאַנצנ אַרויסגעקראָכנ פונ זייערע פיקעטנ, זיי טומלענ באַ יאַנקל ספּיוואַקס קורינ אונ באַקוקנ מע־וויניש די אַקערס, וואָס לוטשינקער קאָמנעזאַמ האָט זיי געליִענ.

מאַריינע האָט ערגעץ דערטאַפּט אנ אַלטע אויס־געריבענע סוויטע, זיאָנגעטונ אפנ לײַבעק זײַנעמ אונ שטײַפּ זי פאַרצויגנ מיט א שוואַרצער קרײַקע.

— גוטער ברודער, — שטעלט אָפּ מאַריינע אַלעמאָל אנ אַנדערנ, — קריג א סוויטע צו דער פעלד-אַרבעט, — אינ א סוויטע אַרבעט זיכ געשמאַקער...

מע ווייסט נאָכ אַלצ ניט, ווי וועט מענ די ערד אײַנטיילנ צווישנ זיכ. יאַנקל ספּיוואַק איז פאַר שוטפעס:

— וואָס גאָט גיט, זאָל זײַנ בעשוטפעס, מע האָט שוינ איינמאָל אָפּגערעדט, דאַרפ עס אַזוי בלײַבנ! — אונ דאָס דריטע מאָל הײַנטיקנ פרימאָרגנ ברענגט ער דעמ מאָשל מיטנ בעזעמ: ס'איז א גרויסע נאַפּ־קעמינע, צי דער בעזעמ איז צעבונדנ, צי דער בע־זעמ איז פאַרבונדנ...

שעפטל גיט אלעמען איין אין נאדן, אז ער האָט אינדערהיים א שקאפּע, א געזונטע שקאפּע האָט ער אינדערהיים:

— מיר דאַרפן, — טײַנעט שעפטל, — דינגען פערד צו די אַקערס, איז ווײַבאַלד שוטפעס (אוואַדע שוטפעס!), און איך האָב אַן אייגענע שקאַפּע אַף מײַן פאַרמעג, דאַרף מען זי מיר פאַררעכענען פאַר א מענטשן... אי דאָס, — דערווײַזט שעפטל, — וועט איר האַנדלען א גרויסע מעציע, — וואָרעם איין פערד וועט פאַרבײַטן אײַך דרײַ...

מאַריינע פאַרציט שאַרפער די קרײַקע און שטילט אײַן דעם אוילעם:

— איז אָפּגערעדט! שוטפעס, ייִדן! אין א גוטער און מאַזלדיקער שאָ — שוטפעס, ייִדן!

יאָסי הויקער איז אָנגעקומען רײַטנדיק פון לו־טשינקי:

— שוין — מע האָט די ערד נאָך קיין דראַפּע ניט געטון, און מע געוואַלדעוועט שוין! זעקס פּאָר אָקסן מיט גרויסע שויפערס גיט אונדז לוטשינקי און דער קאָמנעזאַם שיקט אונדז א אינסטרוקטער, אויסלער־נען אונדזערע ייִדן די גויִישע איוורע — דער פּאָר־זיצער פונעם קאָמנעזאַם גייט צו אונדז פאַר א מע־לאַמעד... און גיטליאַנסקי האָט מיר אָנגעזאָגט זאָהער־וועזאָהער, אז מע זאָל אַרבעטן בעפּיירעש קאָלעקטיוו, אַבדעס, הייסט עס, דעם גאַנצן קלינ צעאַקערן אין איין גאַנג, און אימירטשעם נאָך פּייסעך וועלן מיר זעען...

— אוואדע מער סייכל!

— ייִדן, וואָס האָב איך געזאָגט?

לייווי שלימעס האָט געקעמט זײַן לאנגע באָרד מיט א האנט פינגער און ארויס פון די קיילים:

— וואָס ארײלים זײַנען דיר! זיי האָבן אפּאָנעם דערזען, אז מיר מיינען אפּ אן עמעסן... איך פאר־גין זיי גאָרניט די מיצווע. און גײַמ צוריק, זײַנען זיי דאָך מעכײַע נעפאָשעס...

אין קאלטן כמורנעם הארבסטיקן פרימאָרגן זײַ־נען די עלטערע קאָראָסטענער אוועק גראָבן קא־נאוועס אפּ די נײַע פּאָלישוקישע פעלדער.

מאריינע האָט אונטערגעטריבן די אָפּגעשטא־נענע:

— אוילעמ, קומט אָפּגעבן א כויוו. דעם ערשטן כויוו, וואָס ס'קומט אונדזערע שכיינים. מיר ווערן פּאָלישוקעס, און א פּאָלישוק פאר א פּאָלישוק דארפ אָפּגעבן דאָס לעצטע.

— כאוויירים, — האָט לייווי שלימעס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דאָס וואָרט „כאוויירים“ ארויסגע־רעדט, — כאוויירים, די פּאָלישוקעס שטייען איצטער הינטער לוטשינקי אין אונדזער קאנאל און פוצן דעמ דנאָ. מע זאָגט, זיי האָבן דאָס אנדערע וואָרט ניט געזאָגט, די פּאָלישוקעס: זיך אופגעהויבן גאנצע הויפן און ארויס צום קאנאל. — איך זאָג אײַך, — סײַדן די וועלט איז געוואָרן אויס וועלט...

— רעב לייווי, איר וועט זיך נאָכדעמ קוויקן, — קומט גראָבן די קאנאוועס!

בא דער שוועל פונעם קוריִנ איז געבליבנ רוי־כערנ א שײַטערל. יאנקל ספּיוואק האָט פאַרשאַרט יונגע קארטאָפּליעס אינ פּריסעק, געגלעט דאָס קאָל־טענעוואטע בערדל, פאמעלעכ אָנגעכאפּט די גולי אפּנ נאקנ אונ ניט אָפּגעלאָזט פונ זיכ יאָסי הויקער:

— יאָסי, זיצ דאָ אביסל מיט דײַנע עמער וואסער. ס'א קאלטער טאָג, אונ ווּעמענ גלוסט זיכ איצט א טרונק? איַי, יאָסי, יאָסי, אז מע נעמט זיכ באטראכטנ...

א ווינטל האָט א בלאָז געטונ אונ פארשלאָגנ יאנ־קלענ רויכ אינ פּאָנעמ. ער האָט זיכ צעטרערט פונעמ רויכ, געפּינטלט מיט די אויגנ אונ דערלאנגט יאָסינ א הייסע קארטאָפּליע.

— כאפּ איבער, יאָסי, א קארטאָפּליע. אז מיר וועלנ די ווערט זײַנ, וועלנ מיר איבעראיאָר עסנ אייגענע... נאָר דעריקער, ס'זאָל קיינ מאכלויקעסנ ניט זײַנ אונ מע זאָל זיכ פארגינענ... איַי, יידנ, יידנ...

אפּ די נאָענטע קאנאלנ האָט דאָס יונגווארג גע־טיאָפּקעט מיט לאָפּעטעס אינ דער בלאָטע. יאָסי הויקער האָט פארויכערט זײַנ ציבעק אונ פארזשמו־רעט אנ אויג. ער האָט געהערט יאנקלענ מיט איינ אויג.

— כ'האָב מיכ דערמאָנט, יאָסי, פונ די יערושאָ־לאימער ברידער... נאָכ פונ פארנ בייסאמיקדעש...

דער הויקער האָט אוועקגעלייגט דעמ ציבעק אונ זיכ גענומענ צו דער קארטאָפּליע. ער איז געווענ שטארק אינ קאס:

— וואָס דערציילסטו מיר קאַזאַלעס, יאַנקל? אַז מע שמועסט איצטער — קאָלעקטיוו, איז שייַעך צו רעדן? הייַנטיקע וועלט איז אַ וועלט אָן קאַזאַלעס...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קאַרטאָפּליע פֿונעם פּריסעק און אָפּגעזיפּצט:

— נאָר מיט מייַן באָכער האָב איך ניט געטראָפֿן... איך ווייס גאָרניט, ווען מייַן גאָדל איז געראָטן... ראַק ער מורמלט אַף גאָרנען און ס׳אַרט אים, האַלעמייַ די פּאָלישוקעס לעבן מיט אונדז גוט... איכל דיר דערציילן בעסאָד, אַז ער איז געווען מיט ניאַכען אין אָלעווסקער געריכט. עפּעס איז דאָרטן געלעגן אַ מעסירעלע אַפֿן אינזשענער, האָט מען זיך פֿון זיי אויסגעלאַכט. פאַרקערט, מע וויל שוין נעמען ניאַכען אין דער אַרבעט פֿאַר דער מע־סירע, האָט אים גאָדל קאַם אָפּגעשריגן... וואָס, וואָס,—נאָר אַ צינגל האָט ער אַ גלאַטס, דער מע־שומעד.

יאָסי הויקער האָט אָפּגעגאָסן האַלבע עמער וואַ־סער, ס׳זאָל אים זייַן גרינגער צו טראָגן, און זיך אַראָפּגעלאָזט פֿונעם בערגל צום שליאַך. באַם שליאַך האָט ער אַוועקגעשטעלט די עמער אַפֿן גראָז, באַ־טראַכט דעם הימל, וואָס האָט זיך געכמאַרעט, אויס־געגאָסן די איבעריקע וואַסער פֿון די עמער און זיך געלאָזט צוריק צום קורין.

— הערסטו, יאַנקל, — האָט דער הויקער געזאָגט געלאַסן און גענומען אַרויסשאַרן מיט אַ צווייַגל קאַרטאָפּליעס פֿונעם פּריסעק — איך האָב זיך באַ־

טראכט! איך האָב זיך באטראכט, — וואָס וועליך לויפן צו די קאנאוועס, אז דער טאָג איז אלציינס א כמארנער טאָג אונ דעם אוילעָם איז מיסטאָמע קאלט. וואָס פאר א מעשוגענער טרינקט איצטער וואסער?

ער האָט איבערגעקערט אנ עמער, זיך צוגעזעצט אפ אימ אונ גענומענ שיילנ קארטאָפליעס.

— ווייסטו, יאנקל, וואָס איכנ דיר זאָגנ? — דער הויקער האָט די ארויסגעשארטע קארטאָפליעס צו־ ריק ארייַנגעלייגט אינ פריסעק, — זיי זייַנענ גאָרניט דערבאקנ די קארטאָפליעס! — ער האָט זיך פאר־ קלערט, — האלעווייַ לאָמיך ליגנ זאָגנ, פונ מייַנ בע־ נאָק וועט קיינ גוטס ניט ארויס: ער האָט זיך מיטנ גאנצנ אוילעמ כעוורע צעקריגט, מייַנ גאָדל, אונ די כעוורע ווילנ אימ איצטער אינ קאָנ ניט ארייַנעמענ. איז, שייַעכ צו רעדנ, מיר איז א גרויסער הארצוויי־ טיק — אַלע גייענ קיינ אָלעוווכק אפנ זאוואָד ארבעטנ אונ נאָר ער איינער בלייַבט אָפּגעשמיסנ; ער שמו־ עסט שוינ מיט ניאכענ, אז ניאכע זאָל אימ ווידער צונעמענ צו די קינדער...

יאנקל ספיוואק האָט געשאָקלט מיטנ קאָפּ, מע האָט ניט געקאָנט וויסנ, צי ס׳געפעלט אימ, צי ניינ. יאָסי האָט ניט אויסגעהאלטנ:

— וואָס שאָקלסטו זיך, ווי דעמ ראָווס ציג? ס׳יע־ פעס א טאכלעס הייַנטיקע צייַט בלייַבנ א מעלאמעד? ער איז זיך א פארפאלענער, מייַנ גאָדל! די כעוורע האָבנ אימ ניט ליב, נאָר ער האָט זיך א גאָלדענע קאָפּ אפ זיך, א גאָלדענע קאָפּ!

יאנקל האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט געקראַצט די גולי און געקוקט אין וואַלד אַרײַן.

— שאַ, יאָסי, שוין נאָכן טאָג, און עפּעס ראַשט זיך אין וואַלד. אײַ, שאַ, שאַ — לאָז צורו מיט דײַן פּוסטעפּאַסניק, אונדזערע זײַנען שוין מעכוייעוו באַלד צו קומען פון דער אַרבעט, און מיט דער וועטשערע האַלט איך נאָך גאָר פונפאָרנט. גיי בעסער, יאָסי, נאָך וואַסער...

פון ווײַט האָט דער וואַלד געטראָגן אַ טויב געזאַנג, אַ געצויגענע פּאָלישוקישע ליד —

לוטשינקער כוטער, אַ וואַלד לאָפּעטעס, איז געגאַנגען אַהיים פון דער אַרבעט, פונעם פּאַרטיקן קאַנאַל, און געזונגען פון פּאָלעסיע:

עך, פּאָלעסיע, גרינער בלאַט —
בליצן העלן דײַנע נעכט,
דונערס ברענען דאָ די קוילן,
שפּינען וועבן בלאָווע צײַג...
עך, פּאָלעסיע, גרינער בלאַט!

אַף אַרבעט

דאָס טײַכל איז אַ טיפס, אַ ברײטס און אין דער לענג ציט זיך עס אַף מײַלן; רעכטס — ערגעץ צו אַ בלאָטיקע הרעבליע, לינקס — צו די זומפּן.

פּאַר פּוסגייער איז דאָ אַ וועג אַ קירצערער. סע גייט אַ שמאָל גלײַך וואַלד־שטעגל ביז צום טײַכל,

האקט זיך אָפּ באַם וואַסער און הייבט זיך ווידער אָן, פּונקט אַזאַ שמאָלס און איַנגעטראָטנס, פונעם צווייטן ברעג טײַכל און שנירלט זיך וויַיט, ביז דאָס אויג כאַפּט.

ניט קיין בריקל, ניט קיין לעזשען איבערן וואַסער. אין מיטן טײַכל, צווישן ביידע שטעגלעך, שטעקט אַ הויכער דראָנג, טיף אַריַינגעזעצט אין ליימיקן גרונט, און אַזוי שטאַרצט ער פונעם וואַסער — אַ הויכער שטאַם אַ יונגער, אַ וויַיס-אָפּגעשיילטער, וואָס ווערט דינער צום שפּיץ. קומט אַ פוסגייער מיטן שטעגל צום טײַכל, פאַרוואַרפט ער אַ שטריקל, אָדער אַ סוקעוואַטע לאַנגע צוויַיג אויפן שפּיץ דראָנג און, בייגט אים אָן צו זיך, כאַפּט זיך אין אים אָן מיט ביידע הענט, הייבט זיך אונטער און טוט אַ וואָרף דעם קערפּער צום צווייטן ברעג... אַ בייג אין איין זיַיט, אַ בייג אין דער צווייטער זיַיט, אַ מינוט געדויערט עס, און דער דראָנג שטעקט שוין ווידער אַ גליַיכער אין מיטן טײַכל, ווי אַן אָנגעצויגן שטיקל שטאָל, און וואַרט אויף פרישע פאַרשוינען...

זעכציק קאָראָסטענער יונגען, וואָס האָבן נעכטן באַ גאָרנען זיך צערעכנט — ער איז שוין פאַרטיק, דער קאַנאַל — זיַינען איצט, אין לויטער־האַרבסטיקן האַלבן טאָג, געשטאַנען מיט די געלאַטעטע קלומעקלעך אויף די פּלייצעס באַם ברעג טײַכל און באַטראַכט דעם „פּאָלעסיער בריק“, דעם אָפּגעשיילטן דראָנג אין מיט וואַסער.

קיין אָלעווסק זײַנען די יונגען געגאַנגען, אַפּן פּאָרצעליַי־זאַוואָד אַרבעטן. בײַ אײנעם אין אַרמײ־ישן קלומעק איז געלעגן אין פּירן צונויפגעלייגט און פּאַרוויקלט אין אַ פּאַפּיר דער קאָלעקטיוונער אָפּמאַך, וואָס דער זאַוואָד האָט אונטערגעשריבן אַף זעכציק אַרבעטער פון לוטשינקער קאַנאַלן: אַ פּער־ציק כעוורע שטעלן זיך אין די ליים־קאַריערן, אין די פּורעם־וואַרשטאַטן און די איבעריקע—בײַ טיש־געפעס. אויס אַרבעטן אַפּן סעזאָן, אויס ווינטערן מיט אַ פּורל האָלץ פון דער בירזשע, אַ סאָף צום ביטערן דיסקאָנט אַלע אָנהייב פרילינג אין די בוי־קאָנטאָרן.

— גיטליאַנסקי, מאַזיק, אַנו זײַ אַ בעריע און שטעל זיך אַפּן אײַזערנעם בריק, וואָס טײַטלט מיט אַ פּאַרשפּיצטער נאָז אין מיטן טײַך... ווײַז, וואָס אַ שלאָסער קאָן...

— און איך ווייס, און איך ווייס, — איז קריס אַרײַנגעקראָכן מיט ביידע פיס אין וואַסער, — מע דאַרף מיט אַזאַ מין זאַך צוציִען דעם שפּיץ דראָנג צו אונדז, אָט אַזוי, זיך אָנכאַפּן און אַ לאָז טון זיך אינדערלופטן צום צווייטן ברעג.

— מאַזלטאָוו דער באַבע דײַנער!

דאָס האָנעכל האָט זיך געזעצט אַף זײַן קלומעק, אָנגעהויבן אויסטון די שיך און קיין אַניג ביט אַראָפּ־גענומען פונעם דראָנג. ער האָט גערעדט אַף אַ קאָל, צו זיך אַליין:

— גוט, כאַפּ איך אָן דעם שפּיץ דראָנג און טו זיך אַ וואָרף צו דער צווייטער זײַט, נאָר טאָמער קאָן

איך ניט אראָפּשפּרינגען אַפ דער ערד, און דער דראַנג טוט מיך אַ צי אַפ צוריקוועגס, בלײַב איך זיך הענגען אינמיטן טײַכל, און אַזױװי איך הענג, טאָ־מער טו איך זיך אַ גליטש אַראָפּ... אנו, אָוורוצקי; לאָמיך זען, מאַך דעם אָנהײב...

אָוורוצקי האָט פון ערגעץ געבראַכט צו טראָגן אַ לאַנגע װערבענע צװײַג מיט אַ פּאָר סוקעס באַם עק, אַרײַן אין װאַסער ביז די קני און געפּרוּװט זיך פאַרכאַפּן דעם שפּיץ דראַנג. אַלע האָבן זיך אױסגעשטעלט אַרום אים און געשריען װי צו אַ טױבן:

— אָוורוצקי, פון דער זײַט...

— אָאָט!...

— קאַליקע, פּאַמעלעכן!...

— װאָס ציטערן דיר אַזױ די הענט? גיב מיר!

— מיר גיב!

— לאָזט מיך!

— אָאָט...

אָוורוצקי האָט פאַרטשעפּעט דעם שפּיץ דראַנג און פאָרזיכטיק גענומען ציען די צװײַג צו זיך. דער דראַנג האָט זיך געבויגן, געבויגן, און דאָס האָנעכל איז אונטערגעשפּרונגען און אָנגעכאַפּט דעם שפּיץ, צװײ יונגען פון בײדע זײַטן האָבן אַרופגעלײגט די הענט אַפן האָנעכלס אַקסל:

— שטײ פעסט, גוטער ברודער!

— דער דראַנג קען דיך אַ צי טון, ביסטו פאַר־טיק...

— כעוורע, ווער נעמט זיך אונטער דער ער־שטער?

— זאָל דאָס האָנעכל זיך לאָזן, ער איז א גרינ־גער...

דאָס האָנעכל האָט שיר דעם שפּיץ דראָנג ניט אָפּגעלאָזט. אזוי האָט עס אים אנ אר געטונ. ער האָט געמאכט מיטנ קאָפּ אינ די זײַטנ:

— ווײַל איך בינ א גרינגער! איך האָב קיינ וואָג ניט אפ זיך געבּנ א וואָרפ אונ דערצו נאָך א בּויג טונ אפ אהינ דעם דראָנג...

מע האָט זיך אלע מיטאמאָל אומגעקוקט צום וואלד:

— שאט, עמעצער גייט דאָרט, א פּאָלישוק גייט, ניינ — א פויערטע, לאָמיר זי לאָזנ די ערשטע, וועלנ מיר זעענ...

— כעוורע, ס'איז בּיזאָיענ פארנ קליידל, לאָמיר איבּערטאנצנ בּיז זי קומט צו, אניט וועט גאנצ פּאָ־לעסיע נאָכדעמ בּויזעקנ, ווי מיר האָבּנ זיך גע־קוועטשט.

דאָס האָנעכל האָט א דריי געטונ מיט די פּלייצעס אונ אראָפּגעוואָרפנ די פרעמדע הענט, וואָס זײַנענ געלעגנ אפ זײַנע אקסל, אָפּגעטראָטנ מיטנ שפּיץ דראָנג אינ די הענט א פּאָר טריט אפ צוריק, זיך א הייבּ געגעבּנ אונ א שוועבּ געגעבּנ מיטנ קערפּער אונ אראָפּגעשפּרונגענ פונ דער צווייטער זײַט טײַכל... דער דראָנג, וואָס דאָס האָנעכל האָט אָפּגעלאָזט, האָט זיך א הוידע געטונ אונ געבּליבּנ שטעקנ אינ מיטנ טײַכל, ווי ניט אים מיינט מענ.

די יונגען, פון דער זײַט טײַכל, האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, אונטערגעטאַנצט פאַר סימכע, און איינער, אַן אַכצניאָריק בּאָכערל מיט אויסגעשטשערבּעטע נאָזלעכער; ווי אַ גימל, האָט זיך צעשאָקלט און זיך געפּלעסקעט אין די אָנגעבלאָזענע באַקן:

— אַף מײַן וואָרט כּעכרע — אַ קאַפּאָרע אַללע בּריקן אין דער וועלט!..

אָוורוצקי האָט ווידער מיט דער צווײַג גענומען פּאַרטשעפּען דעם דראָנג. קריס האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט:

— וואַרט אַ מינוט! ווייסט ווער ס׳גייט אַהערצו? מאַרקאָ גייט, אַ לוטשינקער מיידל! איך זאָל אַזוי איבּערטאַנצן דעם בּריק...

כּעוורע האָבּן שוין געמאַכט אַ קרײַז אַרום מאַרקאַ און געשטאַנען אָבּיסל אָפּהענטיק פון איר קלינגענדיקן געלעכטער און פונעם גרינעם כוויזעק, וואָס האָט געשפּילט אין אירע אויגן, פון די ווערטער, וואָס זי האָט געוואָרפן אין אַלע זײַטן:

— איר מיינט, פּאָלעסיע לאָזט אײַך שוין אַרויס? פּאָלעסיע לאָזט אײַך נאָך ניט אַרויס...

פון יענער זײַט טײַכל האָט דאָס האַנעכל עפּעס געשריִען און געמאַכט מיט די הענט. מאַרקאַ האָט אַ געשריי געטון צו אים:

— פּעטער, ווײַטער שנײַדט איבּער דעם וועג נאָך אַ טײַכל, אַ בּרייטערס — פרייט זיך ניט, פּעטער...

זי האָט זיך געדרייט צווישן די יונגען און עמעצן געזוכט. איר געל שאַלעכל האָט זיך געגילט פון דער

זונ, ווי א גרויסע הארבסטיקע בלאט אפ א צעווי־כערט ביימל. א גיכנ גיי געטונ צו אָוורוצקינ:

— אָוורוצקי, דו אנטלויפסט אויכ! די עלטערע אײַערע זײַנעג שױב לײַטישער פונ אײַכ — זיי בלײַבנ אונדזערע שכיינים... — געמאכט מיט א האנט א לעדעלע איבערנ מויל אונ געשריִענ צום האָנעכל — שפרינג אפ צוריק אהער, אויב דו קאָנסט...

יונגענ האָבנ זי פארוואָרפנ מיט רייד. דאָס אכצנ־יאָריקע באָכערל מיט דער גימל־נאָז האָט אויסגע־כאפט בא אָוורוצקינ די לאנגע צווײַג, איינס אונ צוויי זי פארוואָרפנ אפנ דראָנג, אימ צוגעצויגנ, זיכ א הייב געגעבנ אונ אריבערגעפלויגנ אפ דער צווייטער זײַט.

— א לעבעדיקער געפילדער האָט א פלייצ געטונ פונ צענדליקער מײַלער. אינ איינ מינוט האָט מענ פארגעסנ מארקאנ, האָט אופגעהערט שנײַדנ די אויגנ דאָס גאָלד פונ איר שאלעכל. אלע האָבנ אפגיכ צו־געקרעמפעוועט אפ די פלייצעס די קלומעקלעכ זיי־ערע אונ זיכ אויסגעשטעלט אינ איינ שערענגע מיטנ פאָנעמ צומ דראָנג.

קריס איז אריבערגעשפרונגענ. איינער נאָכ איי־נעמ האָבנ יונגענ געצויגנ צו זיכ דעמ דראָנג אונ גע־טראָגנ זיכ איבערנ טײַכל, ווי האָלעשקעס.

איינער איז געבליבנ פונ דער זײַט. אָוורוצקי. ער האָט די גאנצע צײַט צוטונ געהאט מיט די פאסיק־לעכ פונ זײַנ קלומעקל. קאמ זיי פארבונדנ אזוי, אז

זיי זאָלן ניט שנײַדן אונטער די פּאַכוועס. אויסגע־שטרעקט מאַרקאָן א האַנט:

— נו, פאַרבלײַב! — געצויגן צו זיך דעם דראַנג און אים אלץ ניט געקענט כאַפּן, — מירן אַרבעטן אין אַלעווסק, און וויפל איז פון אַלעווסק קיין אָזע־ראַן?... אָוורוצקי האָט שוין פאַרטשעפּעט דעם דראַנג און פאַרזיכטיק אים צוגעבויגן. ס׳איז אים אופגעקו־מען:—מאַרקאָ, און מיט אונדז ווילסטו ניט גיין אפן זאַוואָד, אַרײַן אין אונדזער קאָלעקטיוו? מיר וואָלטן דיך צוגענומען... — ס׳האָט אים א וואַש געטון דאָס גרינס פון מאַרקאָס אויגן.

— איך האָב זיך שוין געזעגנט מיטן טאַטן... אָ, האָט ער געגוואַלדעוועט... און אפן זאַוואָד וועט מען מיך צונעמען, — זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט נאָר די אויגן זײַנען געבליבן גרין און אָנגע־שטרענגט, — איך בין יענע וואָך געווען אפן יאַריד אין אַלעווסק, האָט מען מיר געזאָגט אין זאַוואָד, אַז מע וועט מיך צונעמען, אויב איך וועל זײַן צוגע־שריבן אין אײַער קאָלעקטיוו...

לאַכנדיק האָט מאַרקאָ איבערגענומען פון אָוו־רוצקיס האַנט דעם שפּיץ דראַנג, זיך א ריר געטון און איבערגעשפּרונגען דאָס טײַכל...

גייען זעכציק קאָראָסטענער יונגעס אפּ אַלעווסק. אין זאַוואָד. אויס אַרבעטן אפן סעזאָן, אויס זײַן א ניכנע אין די בוי־קאָנטאָרן... מע האָט זיך צעשיט צווישן די ביימער און ס׳איז פול דער וואַלד מיט יונגן איבערוף, מיט זאָרגלאָזן היקע:

— אהו!

— מארקא, אהער!

— אהער! פארצי דאָס פּאָלעסישע געזאנג, מארקא!

אפ א ברייטער לאָנקע האָט מײַרעוו־זון געשמירט פּאסנ־שײַנ איבער ארויסגעקראָכענע שאָטנס. מארקא איז געשטאנענ ביז האלב אינ גראָז, דער טונקעלער אָפּגעצויגענער פּאָנעם מינעט זיך אינ דער שפּיל פונ ליכט אונ שאָטנ, אינ די אויגנ קארבנ זיך רויטע שפּרענקעלעך:

— כעוורע, צו מיר! דאָ נעעכטיקנ! נאָך א טאָג גאנג קיינ אָלעווסק!

— שײַטערנ צעלייגט! מאכט פײַער!

— פײַער!

די זונ האָט זיך געזעצט פונ יענער זײַט ביימער. בא יאנקל ספּיוואקס קורינ האָט א שײַטער־פײַערל זיך צעפלאקערט העלער אונ העלער. איינציקווײַז האָבנ מידע אויסגעמאטערטע קאָראָסטענער אָנגע־הויבנ צוקומענ צומ קורינ אונ זיך א וואלגער גע־טונ שווײַגנדיקע אפנ אויסגעברענטנ גראָז ארומ שײַ־טער. דאָס מאָגער פּאָלישוקל מיטנ קלאָטשע־בערדל איז ארויסגעשווומענ פונ דער אָוונט־טונקלקײַט מיט א בינטל צווײַגנ אפ די פּלייצעס.

— באוואָרנט די אָקסנ?

— באוואָרנט.

— באוואָרנט?

— באוואָרנט.

דאָס פּאָלישוקל האָט גרעסער געמאַכט דעם שײַ־טער. זיך אומרויִק אומגעקוקט אױפֿן אוילעם, וואָס איז געזעסן שווײַגנדיק און געוואַרעמט די פֿאַרער־דיקטע הענט אױפֿן פֿײַער, געוואָלט עפּעס פֿרעגן, נאָר אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, — זיך באַטראַכט, אַז מע דאַרף ניט.

יאָסי הויקער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם ציבעק און אים אָנגעשטאָפּט מיט טיטון. אַ זאָג געטון צו מאַ־רײַנען:

— מע מעג שוין רויכערן, צאַדיק מײַנער? אי־בער אײַך, גאָטס גאַנאָווים, האָב איך אַ גאַנצן טאָג ניט געראוכערט...

אוילעם האָט געשוויגן. שפּעטל איז אַן אָפּגע־שוואַכטער אופגעשטאַנען, גענומען די עמער און אוועק נאָך וואַסער. געמאַכט עטלעכע טריט אַראָפּ־באַרג און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום שײַטער:

— נעמט שיילן קאַרטאָפּליעס, שוין צײַט פֿאַר־פֿאַסטן! — זיך געלאָזט גיין און געבורטשעט אין דער באָרד אַרײַן: — ס'זאָל אונדז ניט גערעכנט ווערן, מיר זײַנען אַ גאַנצע איידע...

יאָסי האָט אַרײַנגעלייגט אַ קוילעכל. אין ציבעק און געערעדט און ניט אופגעהערט רעדן:

— מימאָנעפּשעך: טאָר מען ניט עסן, ווײַל ס'איז יאָנקיפּער, טאָר מען ניט אַרבעטן אויך, שײַעך צו רעדן... עלע איר זענט מוסקעם מיטן פּאָלי־שוקל, אַז איצט אַ שיינער טאָג איז אַ געפֿינס, און אַז ניט אַרבעטן איז די גרעסטע אווירע, האָט

שוין היינט געהאַט א שיינעם פּאָנעם אייער אַרבעט אפן ניכטערן האַרצן...

פונעם שוואַרצן וועלדל איז א הויכער מענטש געגאַנגען מיט גיכע שפּאַן און זיך דערנעענטערט צום שייטער.

יאָסי האָט זיך פאַרצויגן און א ציקע געטון אפן שייטער:

— דער גוטער־ייִד גייט שוין... ער האָט טאַקע — זיינס אויסגעפירט — ער האָט טאַקע היינט ניט גע־אַרבעט... רעב לייווי, גייט אַביסל גיכער, ס׳וואַרט אפ אייך א געהויבענע וועטשערע...— א טאָרע געטון מיט דער האַנט יאַנקלען: — יאַנקל, זיי ניט אַזוי אָנגע־בלאָזן, אַבי דו האָסט געפאַסט, האָט דער אייבער־שטער דיר אונטערגעשריבן דאָס קוויטל... כמ... און איין יאָנקיפּער, אַז מע אַרבעט? שייעך צו ריידן... אין שטאָט וואָלטן מיר געאַרבעט אין בעסמעדרעש מיטן גאָרגל, און דאָ האָבן מיר געאַרבעט אין פעלד מיט די הענט...

אוילעם האָט זיך א רודער געטון באַם שייטער. קיינער האָט ניט געקוקט אפ יאָסין. באַ אַלעמען זיי־נען געווען די ברעמען צונויפגעצויגן און טיפע קנייטשן האָבן זיך איינגעשניטן אין די זייטן מויל.

דאָס פּאָלישוקל האָט אַרופגעוואָרפן אפן פייער א פּריש בינטל צווייגן. געפּרווט א רעד טון מיט א פריילעכער מינע:

— האַדיע! איר׳ט שוין האָבן א גוט יאָר — די ערד האָט זיך געלאָזט, ווי צוקער־לעקעך.— ער האָט זיך

א קלאַפּ געטון אין שטערן: — איר וועט אופהייבן די גאַנצע רויערד אין א וואָך ארום, וועט איר נאָכדעם אָפּדאַווענען אײַער טאָג... א, צי ניין?..

פון־זיך איז אוילעם מונטערער געוואָרן, אָנגעהויבן זיך דורכוואַרפן מיט ווערטער און דער שמועס איז זיך צעוואַקסן:

— אוואַדע באַם קאַנאַל איז געווען גרינגער.

— ביסט אָבער א מייווין, ווי די אָקסן האָבן געשלעפּט?

— בא מיר איז נאָר דער אקער אלעמאָל ארויסגעקראָכן, האָב איך געמוזט אָנקומען מיט א שאַלעסטשוווע צום רעבן...

— דעריקער, די וואָרצלען, — א פּאָנעם, א וואַלד האָט אַמאָל דאָ געוואַקסן.

— דערפאַר איז דאָ די ערד גוט דורכגעפוילט...

— איז עס א מײַלע?

— וואָדען, א כיסאָרן?

לייווי שלימעס איז געשטאַנען באַם שײַטער און די גראָווע באָרד זײַנע איז געווען געל פון שײַטעראָפּשײַן. זײַן הייזעריקלעך קאָל האָט זיך אַרײַנגעריסן אינעם אופגעלעבטן שמועס פונעם אוילעם:

— איך האָב אײַך צו דערציילן א מײַסע שעהאָיע..

קאַלטער לויטערער פרימאָרגן האָט געציטערט מיט פראַסטיקן זילבער אף די געלעגערטע גראָזן. אף אָנגעצויגענע שפּינוועבפּאָדעם איבער ביימער איבער שליאַכן האָבן געפינקלט מאָנעלעך דימענט און

זיך געשפּיגלט אינעם מיזרעכדיקן ראָז־באַפאַרבטן האָ־
ריזאָנט. פון שיטיקע בערגלעך אַף ברוינע וואַלד־לאָנ־
קעס האָבן אַרויסגעשטראָמט און זיך געצויגן צו
ווײַטע סטערניעס פּעטע פּאַסן מורעשקעס. לאַנג־
זאַם און פעט האָבן זיי געשטראָמט, ווי צעגאָסענער
נאַפט. שטיל, שטיל, און פּלוצים טוט זיך אַ ריס אַ
ווינטל און יאָגט אָפּ פון די כמורנע ביימער טשאַ־
טעס בלעטער, און ווידער ווערט שטיל דאָס ווינטל;
קוליען זיך די בלעטער אינדערלופטן, ווי פוילע
גאָלדענע פליגן, און באַטראַכטן זיך וווהין צו פאַלן.
קאָראָסטענער יונגען שפּאַנען מיט פאָלעסישע
אַרופּבאַרגן - אַראָפּבאַרגן צום נאַרנדיקן זאַוואָד־
קומען פון אַ ווײַטער שטאָט.

פרייז 24 קאָפּ.

Г. ОРЛЯНД

ГРАБАРІ

КООП. ВИДАВНИЦТВО „КУЛЬТУР-ЛІҐА“